# פרשת כי תצא ח' – י"ד אלול תשע"ו לפ"ק

***יום ראשון פרשת כי תצא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל סעודת הילולא של **מרן הגה"ק רבי יונתן שטייף זצוק"ל** אב"ד דקהלתנו הק', שהתקיים בבית מדרשנו בוויליאמסבורג. אחר הסיום על ידי נכדו הר"ר **אשר אנשיל שטייף** הי"ו, ודברי זכרון על ידי הר"ר **יונתן מארטאן** הי"ו (מסדר תולדות בעל ההילולא זצ"ל), השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** זיצט ביי א סעודת הילולא, פון דעם גרויסן **גאון וצדיק רבי יונתן זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.** מען האט פריער געהערט, ווי מען האט אזוי שיין ארויסגעברענגט, אז רעדן פון אזא גדול, און אפצושאצן אזא גדול, איז נישט מעגליך.

**מען** האט פריער דערמאנט א ווארט פונעם **ספינקער רבי, רבי הערשעלע זצ"ל.** פאר איך בין געווארן רב דא אין די די קהלה, בין איך געווען ביים **ספינקער רבי'ן**, ווי דער סדר איז, אז מען נעמט א ברכה פון גוטע יודען. האט ער מיר געזאגט, איך האב גרויס הנאה אז איר ווערט דארט רב. האט ער געזאגט, אלץ יונגערמאן פלעג איך אסאך אריינצוקומען צו **רבי יונתן** אין שטוב. ער האט געהאט אסאך ספרים, און איך האב נישט געהאט קיין ספרים. און ווען איך האב געדארפט עפעס נאכקוקען, פלעג איך אריינצוגיין צו **רבי יונתן** אין שטוב, און ער האט מיך געלאזט זיך ארומדרייען אין שטוב, און זיך אומקוקען אין די ספרים וואס איך האב געדארפט. ער איז געזעסן ביי זיין טיש און געלערנט, און איך האב אים געהערט קרעכצען אינמיטן לערנען. און דער קרעכץ איז געווען אזוי פונעם טיפן הארץ, אז זייט דעם **חקל יצחק** האב איך נישט געהערט אזא קרעכץ. האב איך געזען וואס פאר א אדם גדול ער איז, און אויף אזא פלאץ וואו ער איז געווען רב, איז זיכער אז עס וועט וואקסען דארט תורה און יראת שמים. האב איך א הנאה, אז איר נעמט עס אן.

**ווען** מען רעדט פון **רבי יונתן**, צו וועלכען יוד מען זאל רעדן, נעמט ער בדרך כלל ארויס צוויי נקודות. **מען רעדט פון די גרויסקייט פון די תורה פון רבי יונתן, וואס ער איז געווען מארי דכולי תלמודא.** אויף דעם דארף מען נישט קיין ראיות, מען זעהט אין אלע זיינע ספרים, די געוואלדיגע בקיאות און די קלארקייט, וואס ער האט געהאט אין לערנען. **און פון די אנדערע זייט ברענגט יעדער איינער ארויס זיין עניוות, זיין שפלות רוח, זיין דיבורו בנחת עם הבריות.** א קאנטראסט פון איין עק צום אנדערן. ווען מען רעדט פון תורה, רעדט מען פון די העכסטע וואס איז דא. און ווען מען רעדט פון זיין ענוה און שפלות רוח, זאגט מען אז עס איז לא קם כמותו, עס איז נישט געווען אזאנס. און דאס איז געווען די מדריגה פון משה רבינו. פון איין זייט זאגט די תורה, ולא קם נביא עוד בישראל כמשה (דברים לד-י). און ווען די תורה רימט משה רבינו, זאגט די תורה (במדבר יב-ג) והאיש משה עניו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה. גרויס אין תורה, און עניו מאד מכל האדם. ווייל ווען איינער האט אמת'דיג תורה, דעמאלטס איז עס פארבינדען איינס מיטן אנדערן. אזוי ווי משה רבינו האט זוכה געווען צו די העכסטע מדריגה פון תורה, האט ער אויך זוכה געווען צו די העכסטע מדריגה וואס איז דא אין ענוה.

*

**די** תורה הק' זאגט אויף משה רבינו נאכן חטא העגל, ומשה יקח את האהל, משה רבינו האט גענומען זיין אהל, ונטע לו מחוץ למחנה, הרחק מן המחנה, און ער איז ארויסגעגאנגען אויסער די מחנה, וקרא לו אהל מועד, און ער האט אנגערופן זיין מקום אהל מועד. והיה כל מבקש ה', ווען איינער האט געזוכט דעם אייבערשטען, יצא אל אהל מועד אשר מחוץ למחנה (שמות לג-ז), איז ער ארויסגעגאנגען צו דעם אהל מועד. רש"י טייטשט, כל מבקש ה', מיינט נישט אז ער האט געזוכט דעם אייבערשטען. נאר ווען ער האט געוואלט באזוכן משה רבינו, איז ער ארויסגעגאנגען צום אהל מועד. פארוואס רופט עס די תורה אן מבקש 'ה'. ווייל המבקש פני זקן, ווען איינער איז מקבל פני

זקן, ווען איינער גייט באזוכן משה רבינו, כמקבל פני שכינה, מיינט דאס אז ער איז געגאנגען באזוכן די שכינה, ער איז א מבקש ה'.

**והיה** כצאת משה אל האהל, ווען משה רבינו איז ארויסגעגאנגען פונעם מחנה צום אהל, יקומו כל העם, האט זיך יעדער אויפגעשטעלט, ונצבו איש פתח אהלו, האט זיך יעדער געשטעלט ביי זיין אהל, והביטו אחרי משה, און מען האט נאכגעקוקט נאך משה, עד בואו האהלה, ביז ער איז אריינגעקומען צו זיך אין אהל. אזוי איז די הלכה, ווען א תלמיד חכם קומט אין זיינע ד' אמות, דארף מען זיך אויפשטעלן, און ביי א נשיא איז די הלכה, אז ווילאנג מען זעהט אים, ביז ער ווערט נתכסה מעיניו, דארף מען שטיין (שו"ע יו"ד רמד-ט). און וועגן דעם והביטו אחרי משה עד בואו האהלה.

**איך** האב שוין כמה פעמים געזאגט, אז ווען מען קוקט נאך די מעשים פון א גדול, איז דאך די סיבה, כדי מען זאל זיך אראפלערנען דערפון, צו וויסען ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. אסאך מאל טראכט מען, איז דען מעגליך צוצוקומען צו דעם גדול, איך האב אפילו נישט וואס זיך מדמה צו זיין, עס איז נישט במציאות אז איך זאל צוקומען צו אזא מדריגה. אבער די אמת איז, אז דער גדול איז אויך געווען קודם א קליין יונגעל, און א קליין בחור, און ער איז געזעסן און געלערנט, ביז ער איז אויסגעוואקסען. ער איז אויך א בשר ודם אזוי ווי יעדער איינער, ער האט נאר אויסגענוצט זיינע כשרונות, מיט זיין צייט, ביז ער איז אויסגעוואקסען וואס ער איז אויסגעוואקסען. **ווען מען קוקט נאך א גדול, דארף מען נישט קוקען ווי אזוי דער גדול זעהט יעצט אויס, דו קענסט נישט נאכמאכן וואס ער איז יעצט. אבער קוק די וועג וואס ער איז געגאנגען ביז ער איז אנגעקומען אהין, דאס קענסטו יא נאכמאכן.** ווען דו וועסט נאכמאכן די זעלבע וועג וואס ער האט געטון ביז ער איז אנגעקומען אהין, דעמאלטס וועסטו קענען אויסוואקסען און זיין אין די מדרגה.

**ווען** מען האט נאכגעקוקט נאך משה רבינו, האט מען נישט נאכגעקוקט משה רבינו, אז אונז זאל מיר זיין משה. ווייל ווי קען מען זיין ווי משה רבינו, מען רעדט דאך יעצט פון א מלאך אלקים. אבער והביטו אחרי משה עד בואו האהלה, מען האט נאכגעקוקט משה רבינו, ווי אזוי משה רבינו האט אויסגעקוקט, ביז ער איז אנגעקומען צו זיין אהל. משה רבינו איז אויך ערצויגען געווארן ביי פרעה אין שטוב, קיין סאך יראת שמים האט ער נישט געלערנט דארט, אבער ער האט זיך גענומען אין די הענט, און ער איז אויסגעוואקסען וואס ער איז אויסגעוואקסען. והביטו אחרי משה, ווען מען קוקט נאך, נאך א גדול, דארף מען נישט נאכקוקען ווי אזוי ער זעהט יעצט אויס, נאר עד בואו האהלה, וויפיל ער האט זיך געפלאגט, און וויפיל ער האט געארבעט, ביז ער איז צוגעקומען דערצו, אז ער האט געקענט אריינקומען אינעם אהל מועד.

*

**אין** די גמרא (קידושין לג:) איז דא צוויי דרכים אין דעם והביטו אחרי משה, וואס מען האט נאכגעקוקט נאך משה רבינו. יש אומרים לשבח, וואס רש"י (שמות לג-ח) ברענגט צו, אז מען האט געזאגט, אשרי ילוד אשה, שכך מובטח, שהשכינה תכנס אחריו לפתח אהלו, מען האט געקוקט צו וואס א ילוד אשה קען זוכה זיין, אז ער גייט אריין אין שטוב, און דער אייבערשטער קומט אריין צו אים אין אהל. און יש אומרים לגנאי, מען האט גערעדט אויף משה רבינו גנאי, און די גמרא וויל אפילו נישט זאגן וואס מען האט געזאגט, נאר די גמרא זאגט, כדאיתא, אזוי ווי עס שטייט וואס מען האט גערעדט אויף אים. אין ירושלמי (ביכורים ג-ג, הובא ברש"י קידושין שם) שטייט עס מער מפורש, אז מען האט גערעדט אויף משה, ראו כמה עבים שוקיו, ווי פעש ער איז, כמה צוארו שמן, קוקטס די פעטנס וואס ליגט אויף זיין האלדז, פון ווי האט ער זיך אנגעגעסן, הכל משלנו, אלעס איז פון אונז. משה רבינו האט נישט געהאט קיין געלט, משה רבינו האט נישט געהאט רכוש מצרים. ער איז נישט געווען אינעם שיעבוד, איז ער נישט געווען אין די מצוה פון וישאלו איש מאת רעהו (שמות יא-ב), ער האט נישט געבארגט. ווען עס איז געקומען צום ים, איז ער געווען פארנומען מיט די עצמות יוסף, און ער האט זיך נישט אפגעגעבן מיט די ביזת הים, נאר פון וואו האט ער, נאר פון אונזערס. - אין די גמרא (סנהדרין קי.) שטייט נאך מער, שחשדוהו באשת

איש, יעדער האט מקנא געווען אשתו. מען קען נישט אכט געבן אויף משה רבינו. עס איז הפלא ופלא, אזוי צו רעדן אויף אזא אדם גדול.

**איך** האב אמאל געזען דערויף זייער א שיין ווארט. מען ווייסט אז ווען יודען האבן געזאגט נעשה ונשמע, האבן זיי זוכה געווען צו שני כתרים (שבת פח.). וואס איז געווען די שני כתרים? א ליכטיגקייט וואס דער אייבערשטער האט זיי געגעבן ביי קבלת התורה. ווען מען האט געזינדיגט מיטן חטא העגל, זענען געקומען די מלאכים און זיי האבען צוגענומען די כתרים, און מען האט עס אוועקגעגעבן פאר משה רבינו, וכולן זכה משה ונטלן. ומשה יקח את האהל, משה רבינו האט באקומען די ליכטיגקייט וואס יודען האבן געהאט, וואס איז געקומען פון אור התורה.

**די** תורה ווערט אנגערופן א כלה. מורשה קהלת יעקב (דברים לג-ד), אל תקרי מורשה אלא מאורסה (פסחים מט:). כנסת ישראל איז דער חתן, און די תורה דאס איז די כלה. וארשתיך לי לעולם (הושע ב-כא), בשעת מען האט מקבל געווען די תורה, האבן יודען חתונה געהאט מיט די תורה. און דורך די תורה האט יעדער יוד באקומען די שני כתרים. אז כולן זכה משה ונטלן, אז משה רבינו האט שפעטער איבערגענומען די אלע כתרים, האבן זיי געזאגט, אז משה רבינו האט צוגענומען א אשת איש. ווייל די תורה איז דאך א אשה, און די תורה איז געווען זייערס, יעדער האט געהאט זיין חלק אין די תורה, און משה רבינו האט צוגענומען אלע אונזערע לעכטיגקייטן וואס מיר האבן געהאט פון די תורה. חשדוהו באשת איש, זיי האבן געזאגט אז משה רבינו האט צוגענומען זייער חלק אין די תורה, וואס ווערט אנגערופן א אשה.

**די** גמרא (סנהדרין קי.) דרשנ'ט אז חשדוה באשת איש, ווייל עס שטייט אין פסוק (במדבר טז-ד) וישמע משה ויפול על פניו, פארוואס איז ער געפאלען אויפן פנים, ווייל ער האט געהערט ווי מען רעדט אויף אים, און מען איז אים חושד באשת איש. פארוואס איז ער נפל על פניו? מיט דעם פארשטייט מען עס זייער גוט. ווייל רש"י (שבת פח.) זאגט, אז ווען משה רבינו האט באקומען די אלע כתרים, פון דעמאלטס האט געלאכטען די פנים פון משה. ווייל די שני כתרים איז געווען א ליכטיגקייט וואס יעדער יוד האט געהאט, און ער האט באקומען ששים רבוא כתרים, איז געווארן פני משה כפני חמה (ב"ב עה.). קומט אויס, אז דאס וואס משה רבינו'ס פנים האט געלאכטען, אויף דעם האט מען גערעדט שחשדוה באשת איש, דאס איז דער אשת איש. ער האט צוגענומען די ליכטיגקייט וואס מיר האבן געהאט פון די תורה. וישמע משה, משה רבינו האט געהערט וואס מען רעדט אויף אים, ויפול על פניו, דאס וואס מען רעדט על פניו, אז זיין פנים האט צוגענומען אלע אורות פון יודען, אויף דעם איז ער נפל על פניו.

*

**איך** האב געזען שטיין א שיין ווארט פון **רבי נתן געשטעטענער זצ"ל**, ווי אזוי קען זיין, אז אטייל יודען האבן גערעדט לגנאי, און אטייל האבן גערעדט לשבח. האט ער געזאגט, אז מען דערציילט נאך פונעם הייליגען **רבי עקיבא איגר זי"ע**, וואס זיין ענוה איז געווען אויסערגעוועונליך גרויס. אז ער האט אמאל חתונה געמאכט א קינד אין ווארשא, און ער איז געקומען צו די חתונה. און **רבי עקיבא איגר** איז שוין דעמאלטס געווען דער גדול הדור, אז די גאנצע גאס איז געווען פול מיט מענטשען, יעדער איז געשטאנען און געקוקט ווי אזוי **רבי עקיבא איגר** קומט אריין אין די שטאט. אלע פענסטערס זענען געווען אנגעפולט מיט מענטשען. און **רבי עקיבא איגר** איז געגאנגען אזוי ווי א ערליכער יוד, אראפגעבויגען די אויגן, אבער אינמיטן האט ער עפעס אויפגעהויבן די אויגן, און ער האט געזעהן א געוואלדיגען ציבור. ער האט זיך נישט געקענט פארשטעלן, אז מען קומט אים מקבל פנים זיין, ווייל ער איז דער גדול הדור. **רבי עקיבא איגר** האט געהאט א הויקער. האט זיך **רבי עקיבא איגר** אנגערופן, די מענטשען האבן נאך קיינמאל נישט געזען איינעם מיט א הויקער, אז יעדער קומט מיר קוקען?! ער האט זיך נישט געקענט פארשטעלן אז מען קומט קוקען א גדול הדור, מן הסתם קומט מען קוקן זיין הויקער.

**והביטו** אחרי משה, מען האט נאכגעקוקט נאך משה רבינו. משה רבינו איז דאך געווען דער עניו

מאד מכל האדם, האט ער געטראכט, וואס האבן זיי צו קוקען אויף מיר? זיכער קוקט מען, כמה עבים שוקיו, און אזוי ווייטער. דאס וואס די גמרא זאגט, אז והביטו אחרי משה לגנאי, איז די פשט אז משה רבינו האט אויסגעטייטשט אז די והביטו אחרי משה איז לגנאי, אבער דער אמת איז געווען, אז והביטו אחרי משה לשבח, זיי האבן געקוקט אויף משה רבינו, קוקטס כמה מובטח הוא, אז דער אייבערשטער וועט אים נאכגיין. משה רבינו פאר זיך האט אויסגעטייטשט דעם והביטו אחרי משה, אז זיי קוקען נאך, נאך אים, לגנאי. אזוי שטייט פון **רבי נתן געשטעטנער זצ"ל.**

*

**אבער** איך מיין אזביידע זענען אמת. **עס האט קיינמאל נישט געפעלט ביי יודען, וואס מען זאל נאכקוקען א גדול בישראל אויך לגנאי. אבער דאס איז אלץ נאר ווילאנג דער גדול איז דא, ווילאנג מען האט אים אונטער די הענט, איז מען נישט אייביג נוהג כבוד וויפיל עס פעלט זיך אויס. אבער ווען עס גייט אדורך א שטיקל צייט, דער גדול ווערט נסתלק, צו ער גייט אוועק וכדומה, דעמאלטס הייבט מען אן צוביסלעך צו קוקען מיט אנדערע ברילן, וואס מען האט געהאט, און וואס מען האט פארלוירען, און צו מען האט זיך אויפגעפירט ווי אזוי מען וואלט זיך געדארפט אויפפירן. און וואס א יאר עס גייט אלץ אדורך, מער און מער, הייבט מען אן צוריק צוקוקען, אז מיר ווייסען גארנישט וואס פאר א אוצר מען האט פארמאגט, און וואס מען האט פארלוירן.**

**עס** איז געווען אזעלכע יודען וואס האבן געקוקט נאך משה לגנאי. אבער שפעטער מיט די צייט, ווען משה רבינו איז נתעלה געווארן, און זיי זענען עלטער געווארן, און זיי האבן אנגעהויבן צוריקצוקוקען אויף משה רבינו, האבען זיי דעמאלטס געזען, אז דאס וואס זיי האבן געקוקט לגנאי, איז נישט געווען ריכטיג, און מען האט געדארפט קוקען לשבח.

**רש"י** (בראשית טו-א) ברענגט צו, אז ווי עס שטייט אחר איז סמוך, אחר הדברים האלה. און ווי עס שטייט אחרי, איז טייטש רחוק, עס איז ווייט (ב"ר מד-ה). זאגט די תורה, והביטו אחרי משה, ווען מען האט נאכגעקוקט 'אחרי' משה, ווען מען האט שוין געהאלטן ווייט פון דעם משה רבינו, דעמאלטס איז געווען והביטו לשבח. ווען משה רבינו איז נאך געווען צוזאמען מיט זיי, זענען זיי געווען חברים, מען האט געקענט רעדן אויף משה רבינו, שחשדוהו באשת איש. אבער והביטו 'אחרי' משה, ווען מען האט נאכגעקוקט נאך א לענגערע צייט וואס משה רבינו איז שוין נישט דא געווען, דעמאלטס האבן זיי זיך מתבונן געווען וואס פאר א ילוד אשה מען האט געהאט, אז די שכינה איז נאכגעגאנגען נאך אים.

**דאס** איז די מדות טובות וואס מען דארף זיך אראפלערנען פונעם הייליגען **רבי יונתן**, וואס איז געווען אזוי גרויס אין תורה, און פון די אנדערע זייט איז ער געווען אזוי ווי **רבי עקיבא איגר**, אז ער האט געקענט טראכטען, אז מען קוקט אים נאך ווי אזוי ער גייט. עס איז אים נישט איינגעפאלען, אז מען קוקט נאך זיין גרויסקייט אין תורה. און ווען עס גייט אדורך נאך א יאר און נאך א יאר, און מען קוקט צוריק וואס פאר א גדול בישראל מען האט געהאט, זעהט מען וואס מען האט אלץ פארלוירן. והביטו אחרי משה, נאך א לענגערע צייט שפעטער, דעמאלטס איז דער והביטו לשבח.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז ער זאל זיין א מליץ יושר פאר אונז אלע, און פאר די גאנצע משפחה, און די גאנצע קהלה, און מען זאל קענען ווייטער ממשיך זיין להגדיל תורה ולהאדירה. די אייניקלעך האבן אנגעהויבן ארויסצוגעבן די ספרים, עס איז א אויסערגעוועהנליך שיינע ארבעט וואס מען לייגט אריין, און עס איז נאך דא אסאך כתבי ידות. עס איז א געוואלדיגע מצוה יעדער איינער וואס העלפט צו, אז עס זאל קענען ווייטער ארויסקומען. שפתותיו דובבות בקבר, מען קען צוהעלפען אז מען זאל ווייטער קענען לערנען, און זיין כח זאל בלייבען אויף שפעטער. עס איז שוין נאנט צו די הייליגע טעג, זאלן מיר אלע האבן א כתיבה וחתימה טובה, און א גוט געבענטשט יאר, א פרייליך יאר, און א לוסטיג יאר. און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של החתן **זאב יהודה פארקאש** נ"י, עב"ג בת הר"ר **שלום יעקב הערש קליינמאן** הי"ו, שהתקיים באולם פאפא קידוש זאל.

*

<u>**קול רנה וישועה באהלי צדיקים**</u>

בשעות הלילה התקיים שמחת קשר החיתון באירוסי נכדתו של **כ"ק מרן רבינו שליט"א**, בת לחתנו **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א** דומ"ץ דבית המדרש סאמבאטהעלי, וראש הכולל דקהלתנו בוומסב"ג (בן הגה"צ אבדק"ק טערצאל שליט"א), עב"ג החתן הרב **ברוך** שליט"א, בן **הרה"ג רבי פנחס שלום אייכענשטיין שליט"א** אב"ד חודרוב (טשיקאגא, בן הגה"צ רבי יהושע העשיל אייכענשטיין שליט"א האדמו"ר מזידיטשוב טשיקאגא, חתן הגה"צ רבי אלי' שטערנבוך שליט"א ראב"ד אנטווערפען).

השמחה התקיימה בבית אבי הכלה שליט"א, בהשתתפות **רבינו שליט"א** וקרובי המשפחה שליט"א. אחר קבלת קנין זימרו ניגוני שמחה, והמחותנים שליט"א נשאו דברים לכבוד השמחה הרוממה.

*

<u>***יום שני פרשת כי תצא***</u>

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **אלימלך דזשאסעף** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדייס.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בן הר"ר **אליעזר דוד האפפמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **נפתלי משה אינדיג** הי"ו, שהתקיים באולם ראוז גארדען. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **עזריאל יצחק הערמאן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **מענדל מאיר ווייס** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **יעקב יוחנן מענדלאוויטש** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יהושע פריינד** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

<u>***יום שלישי פרשת כי תצא***</u>

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נתאספו קהל עדתינו לשמוח בשמחת עטרת ראשינו **מרן רבינו שליט"א**, שמחת התנאים של נכדתו הכלה המהוללה תחי', בת חדב"ן **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א** דומ"ץ סאמבאטהעלי וראה"כ דכוללינו בוומסב"ג, עב"ג החתן המופלג בתוי"ש הרב **ברוך** שליט"א, בן **הרה"ג רבי פנחס שלום אייכענשטיין שליט"א** אב"ד חודרוב, שהתקיימה ברוב פאר והדר בבית מדרשנו הגדול, בהשתתפות הרבנים הגאוה"צ קרובי ומחותני המשפחה שליט"א, כשבראש המסובין פארו הסבים **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, כ"ק האדמו"ר מזידטשוב שליט"א, והגה"צ אבד"ק טערצאל שליט"א.**

במשך מסיבת התנאים נשמעו דברי תורה מהסבים **כ"ק האדמו"ר מזידיטשוב שליט"א, והגה"צ אבד"ק טערצאל שליט"א.** לאחר מכן סידר **רבינו שליט"א** את שטר התנאים וכיבד את המחותן **כ"ק האדמו"ר מזידטשוב שליט"א** בקריאת התנאים. לאחר שבירת הצלחת פרצו כל הקהל בשירה וזמרה וריקודין שנמשך למשך זמן. אחר הריקודין השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לכבוד השמחה.

אחר כך עברו מאות אנ"ש תלמידים וחסידים לברכת לחיים ואמירת מזל טוב **לרבינו שליט"א** והמחותנים שליט"א. ויהא רעוא שמשמחה זו ישפע שמחה ורב טוב לנו ולכל בני ישראל.

<u>***וזה תוכן הדברי תורה:***</u>

**עס** איז ביי מיר א גרויסע שמחה, אז מיין חשוב'ע אייניקל איז א כלה געווארן מיט אזא חשוב'ען

חתן, וואס קומט פון אזא שטוב ווי דער מחותן זאל זיין געזונט, ובראשם דער זיידע, דער זידיטשוב'ער רבי זאל זיין געזונט. מיר זענען שוין ידידים יארן לאנג, מיר טרעפן זיך אין פאלם ספרינגס מידי שנה בשנה. זאל דער אייבערשטער העלפן, מיר זאלן אלע זעהן אסאך שמחות און נחת ביי אלע קינדער און אייניקלעך.

**די** גמרא (סוטה ב.) זאגט, כי הוה פתח ריש לקיש בסוטה, ווען ריש לקיש האט אנגעהויבן צו לערנען די פרשה פון סוטה, האט ער געזאגט די מימרא, אין מזווגין לו לאדם אשה, אלא לפי מעשיו, פון הימל טוט מען נישט מזווג זיין א זיווג פאר א מענטש, נאר לויט זיינע מעשים. שנאמר, ווייל אזוי שטייט אין פסוק (תהלים קכה-ג), כי לא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים, דער אייבערשטער וועט נישט ארויפלייגען די שבט פון א רשע אויף א צדיק. אז ער איז א צדיק, וועט אים דער אייבערשטער מזמין זיין א זיווג וואס איז אויך א צדיקת. וואס איז דער ענין אז כי הוה פתח ריש לקיש בסוטה, האט ער געזאגט די מימרא פון אין מזווגין לו לאדם אשה אלא לפי מעשיו.

**עס** קען זיין אז דער ענין דערפון איז. די פרשה פון סוטה הייבט זיך אן, איש איש כי תשטה אשתו (במדבר ה-יב). די כוונה דערפון איז, מען געפונט ווען די תורה רעכנט אויס די חסרונות פון עשו, און די מעלות פון יעקב אבינו, זאגט די תורה, אז עשו איז געווען א איש יודע ציד איש שדה, און יעקב איז געווען א איש תם יושב אהלים (בראשית כה-כז). די מפרשים שטעלן זיך, אז ווען מען רעדט פון עשו זאגט מען צוויי מאל 'איש'. ער איז געווען א 'איש' יודע ציד, 'איש' שדה. און ביי יעקב שטייט נישט, אז ער איז געווען א איש תם, און א איש יושב אהלים, נאר יעקב איש תם יושב אהלים. פארוואס ביי עשו האט ער עס אפגעטיילט אין צוויי.

**דער** פשט דערפון איז. עשו האט געשפילט א דאפעלטע לעבן. בשעת ער איז געווען אין שטוב פון יצחק, האט ער געפרעגט, אבא האיך מעשרין את המלח, היאך מעשרין את התבן. ער איז א תלמיד חכם, און ער וויל וויסען פונקטליך די הלכה, ווי אזוי מען דארף געבן מעשר פון מלח און פון תבן. אבער ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון שטוב, איז ער געווען גאר א אנדערער מענטש. ער האט גע'הרג'ט, ער האט געטון עבירות, ער איז געווען א איש שדה, א מענטש וואס איז שלא מן הישוב. איז עשו געווען א דאפעלטע איש, ער איז געווען א 'איש' יודע ציד, ער איז געווען איין סארט מענטש בשעת ער איז געווען נעבן יצחק. און ווען ער איז ארויסגעגאנגען אויפן פעלד, איז ער געווען א אנדערע סארט מענטש, א 'איש' שדה.

**יעקב** איז א ערליכער יוד. ביי א ערליכען יוד איז נישט א חילוק צו ער איז אין שטוב, צו ער איז אויף די גאס, צו ער איז אויפן פעלד, צו ער איז אונטערוועגנס, אייביג דינט ער דעם אייבערשטען אויפן זעלבן וועג. ווייל פונעם באשעפער קען מען נישט אוועקגיין, וואו ער איז, דינט ער דעם אייבערשטען. יעקב איש תם, יעקב איז געווען גלאט, יושב אהלי"ם, אין וועלכע אהל ער זיצט, איז ער דער זעלבער איש תם. דאס איז דער חילוק צווישן עשו און יעקב. עשו קען אמאל זיין אזא סארט איש, און אמאל אזא סארט איש, אבער יעקב איז איש תם יושב אהלים, וואו ער געפונט זיך, איז ער אלץ דער זעלבער סארט מענטש. - די תורה רעכנט אויס ביי די מרגלים, וואס מען האט גענומען נאר ערליכע יודען, [אזוי ווי רש"י (במדבר יג-ג) זאגט, באותו שעה כשרים היו], אז מען דארף נעמען איש אחד למטה (שם). מען זאל נעמען אזא מענטש וואס איז א איש אחד, ער איז נישט צוויי פנימ'דיג. ער איז איין סארט מענטש איבעראל, סיי וואו ער איז.

**אז** עס קומט אויס א מעשה, אז מען האט א אשה א סוטה, איז א סימן אז אים האט אויך עפעס געפעלט, ער איז אויך נישט דער גרויסער צדיק (עיין רש"י במדבר יג-יב). איש איש כי תשטה אשתו, דער וואס איז א 'איש איש', ער איז אמאל אזא איש, און אמאל אזא איש, ביי דעם איז תשטה אשתו, ביי אים קען פארקומען אזא מעשה. - כי הוה פתח ריש לקיש, ווען ריש לקיש האט אנגעהויבן צו לערנען די פרשה פון סוטה, איש איש כי תשטה אשתו, האט ער געזאגט, אז דא אין די פרשה, וואס עס שטייט איש איש, וואס דאס ווייזט אז ער איז א דאפעלטע סארט מענטש, פון דעם זעהט מען, אז אין מזווגין

לו לאדם אשה אלא לפי מעשיו, דער זיווג פון א מענטש איז לפי מעשיו.

*

**די** גמרא (סוטה שם) ברענגט נאכדעם צו נאך א מימרא, וקשה לזווגן כקריעת ים סוף. דער זיווג פון א מענטש איז שווער מזווג צו זיין, אזוי ווי קריעת ים סוף. שנאמר, ווייל עס שטייט אין פסוק (תהלים סח-ז), אלקים מושיב יחידים ביתה, מוציא אסירים בכושרות. טייטשט רש"י, 'מושיב יחידים', דער אייבערשטער נעמט צוויי יחידים, דער חתן איז ביי זיינע עלטערן אין שטוב, און די כלה איז ביי אירע עלטערן אין שטוב, און דער אייבערשטער טוט צוזאם זעצן די יחידים, 'ביתה', און ער מאכט פון זיי א שטוב. 'מוציא אסירים', דאס איז אזוי ווי יציאת מצרים, וואס דער אייבערשטער האט ארויסגענומען יודען וואס זענען געווען איינגעשפארט אין מצרים, 'בכושרות', איז א חודש וואס איז כשר, לא חמה לא צנה. דער פסוק איז עס מקיש צו יציאת מצרים.

**אין** מדרש (במדב"ר ג-ו) ווערט אויך צוגעברענגט דער פסוק אויפן זיווג פון א מענטש, און דער מדרש טייטשט אביסל אנדערש דעם פסוק. מושיב יחידים ביתה, הקב"ה יושב ודן אותם, ביי יעדן שידוך זעצט זיך דער אייבערשטער אראפ, ער מאכט א ישיבת בית דין, און ער טוט דן זיין, ומביא זה ממקום אחד וזה ממקום אחר, ער ברענגט צוזאם א זיווג פון צוויי ערליי מקומות. 'מושיב יחידים', דער באשעפער איז דן, און שטעלט צוזאם די יחידים, 'ביתה', אין איין שטוב. זאגט דער מדרש ווייטער, נאכדעם וואס דער אייבערשטער האט דן געווען ווי אזוי דער זיווג דארף זיין, 'מוציא אסירים', נעמט ער זיי ארויס פון די שטובער בעל כרחן, אזוי ווי מען בינדט צוזאם א מענטש. און ער לייגט זיי צוזאמען 'בכושרות'. בכושרות איז צוויי ווערטער, בכי שירות. זאגט דער מדרש, זכו, אז מען איז זוכה, איז דער שידוך שירות, די אסירים וואס קומען זיך צוזאם זענען גליקליך. לא זכו, אז מען איז נישט זוכה, בכי, איז עס א געוויין. מוציא אסירים, דער אייבערשטער טוט מוציא זיין די אסירים, בכושרות, אמאל איז עס בכי, און אמאל איז עס שירות. זכו איז עס שירות, לא זכו איז עס בכי.

**וואס** דער פשט דערפון איז. די גמרא (סוטה יז.) זאגט, איש ואשה זכו שכינה שרויה ביניהם, לא זכו אש אוכלתן. און רש"י טייטשט, זכו שכינה שרויה ביניהם, ווייל אין אי"ש איז דא א יו"ד, אין אש"ה איז דא א ה"א, כביכול דער רבונו של עולם וואוינט אין דעם שטוב וואס איז זכו. א ערליכער יודישע שטוב איז א פלאץ פאר השראת השכינה, דער אייבערשטער געפונט זיך אויך דארט. לא זכו, אז מען איז נישט זוכה, גייט דער אייבערשטער אוועק פון די שטוב, און מען נעמט ארויס די יו"ד פון איש, און די ה"א פון אשה, און עס בלייבט איבער די אותיות א"ש, אש אוכלתן, איז דא א פייער.

**קומט** אויס, אז אויב מען איז זוכה, געפונט זיך דער אייבערשטער דארט. און אז דער אייבערשטער געפונט זיך אין א שטוב, ביים אייבערשטען שטייט אין פסוק (דבה"י א טז-כז) עוז וחדוה במקומו, וואו דער אייבערשטער איז, איז דא פרייליכקייט. די גמרא (חגיגה ה:) זאגט, ומי איכא בכי קמיה שמיא, והאמר רב פפא אין עציבות לפני הקב"ה, אין די געגענט פונעם אייבערשטען, ווי דער אייבערשטער איז, איז פריילין. ארץ ישראל איז א מקום פון שמחה, יפה נוף משוש כל הארץ (תהלים מח-ג), דער בית המקדש איז געווען א פלאץ פון שמחה, ווייל עס איז געווען דארט השראת השכינה. - זכו, אז מען איז זוכה, און עס איז דא השראת השכינה אין די שטוב, שירות, איז עס א געזאנג. אז דער אייבערשטער געפונט זיך דארט, איז עס שירות. לא זכו, אז מען איז נישט זוכה, גייט דאך אוועק די שכינה, די יו"ד מיט די ה"א גייען אוועק, אש אכלתן, און דעמאלס איז ח"ו דא בכי.

*

**איך** וואלט אבער געמיינט לעניננו, צוצושטעלן אביסל אנדערש, דאס וואס דער מדרש טייטשט בכושרות, אז דאס גייט ארויף אויף בכי און שירות. **כדי מען זאל זוכה זיין צו א ערליכען שידוך, און א גוטען זיווג, אז דער חתן זאל געפונען א חשוב'ע כלה, און די כלה זאל געפונען א חשוב'ען חתן, דארף מען פאר דעם בעטן אסאך תפלות, און זיך אויסוויינען ביים אייבערשטען, אז דער באשעפער זאל געבן, אז מען זאל טרעפן דעם ריכטיגען זיווג. א בחור דארף אנהייבען מתפלל צו זיין ווילאנג ער איז**

**נאך יונג, בעטן יעדן טאג, אז דער אייבערשטער זאל העלפן, אז ווען עס קומט די צייט און מען דארף טון א שידוך, זאל ער טרעפן א ריכטיגען שידוך, און א ערליכען שידוך. די כלה דארף מתפלל זיין פון די יונגע יארן אן, אז ווען עס קומט איר זמן פון שידוכים, זאל זי קענען טרעפן דעם ריכטיגען שידוך. יעדע תפלה וואס א יוד איז מוסיף, האט א עקסטערע חשיבות פאר זיך.** אפילו מען האט נישט געפועל'ט ביי איין תפלה, אבער אז מען דאווענט נאך און נאך, קען מען פועל'ן, און צוקומען צום ריכטיגען זיווג. כאטש ארבעים יום קודם יצירת הולד האט מען מכריז געווען בת פלוני לפלוני (סוטה ב.), אבער די גמרא (מו"ק יח:) זאגט, שמא יקדמנו אחר, א גוטע שידוך קען מען באקומען ברחמים. אז מען איז מתפלל, איז מען זוכה דערצו.

**איך** האב שוין אמאל גערעדט, אז מען געפונט ביי יעקב אבינו, ווען ער איז אריינגעגאנגען מקבל זיין די ברכות פון יצחק, האט יצחק צוגערופן יעקב, וירח את ריח בגדיו, און ער האט געשמעקט די ריח פון די בגדים פון יעקב, ויאמר, און ער האט געזאגט, ראה ריח בני כריח שדה אשר ברכו ה' (בראשית כז-כז), דער ריח איז אזוי ווי דער ריח שדה, וואס דער אייבערשטער האט געבענטשט. רש"י טייטשט, אז עס איז אריינגעקומען מיט אים א ריח פון גן עדן, און אויף דעם האט ער געזאגט, אז דאס איז ריח שדה אשר ברכו ה'.

**מען** געפונט ביי יצחק אבינו, בשעת ער האט געדארפט א שידוך טון מיט רבקה, ויצא יצחק לשוח בשדה (שם כד-סג), און דעמאלטס האט ער געזעהן ווי אליעזר קומט. ער האט געוואוסט אז אליעזר איז אוועקגעפארן זוכען א שידוך, און ער האט נישט געוואוסט וואס פארא שידוך מען וועט אים אהיים ברענגען. קיין גרויסע צדיקים איז נאך נישט געווען דעמאלטס, און ער האט נישט געוואוסט וואס פארא שידוך מען גייט אים אהיימברענגען. ויצא יצחק לשוח בשדה, מען דארף מתפלל זיין. און ער האט נישט נאר געדאווענט א פשוט'ע תפלה, נאר ער האט דעמאלטס קובע געווען א תפלה לדורות, די תפלה פון מנחה.

**יצחק** האט מתפלל געווען, אז דער אייבערשטער זאל אים צושיקן א גוטען זיווג. פארוואס דארף ער א גוטען זיווג? כדי ער זאל קענען ווייטער ממשיך זיין, אויפשטעלן ערליכע דורות, דער גאנצער כלל ישראל וואס דארף ארויסקומען שפעטער. **די תפלה פון א זיווג, איז נישט נאר אז מען זאל טרעפן די ריכטיגע זיווג, און מיט דעם האט זיך עס געענדיגט. נאר די תפלות גייען, אז נאכדעם וואס מען וועט טרעפן די זיווג, זאל מען קענען ווייטער ממשיך זיין, און אויפשטעלן יודישע דורות.** און דאס האט יצחק מתפלל געווען, ויצא יצחק לשוח בשדה, ער איז ארויסגעגאנגען דאווענען, ער דארף טון א שידוך, אז ער זאל קענען טון א ריכטיגען שידוך. און ער זאל אויך קענען צוקומען צו די תועלת פונעם שידוך, אויפצושטעלן א שיינעם שטוב.

**יעצט** קומט אריין זיין קינד יעקב, און ער זעהט אז עס איז נכנס עמו ריח גן עדן. א טאטע קען זיך בעסערס נישט וואונטשען, ווי ווען ער איז זוכה, אז עס קומט אריין א ריח גן עדן צוזאמען מיט זיין קינד. האט יצחק געזאגט, איך זעה אז מיינע תפלות וואס איך בין דעמאלטס ארויסגעגאנגען אויפן פעלד דאווענען פאר מיין זיווג, ויצא יצחק לשוח בשדה, יעצט זעה איך, וואס פארא רושם די תפלות האבן געהאט, אז איך האב ב"ה אויפגעשטעלט פון דעם זיווג, אזא קינד ווי יעקב.

**וירח** את ריח בגדיו, ווען ער האט געשמעקט די ריח פון די בגדים, האט ער געזאגט, ראה, ער האט זיך מתבונן געווען, ריח בני, דער ריח פון מיין קינד איז, כריח שדה, אזוי ווי דער ויצא יצחק לשוח בשדה, דאס איז דער זעלבער ריח ווי דער שדה וואו איך בין ארויסגעגאנגען דעמאלטס דאווענען, אשר ברכו ה', וואס דער אייבערשטער האט מיך געבענטשט, און איך האב זוכה געווען אז די תפלות זענען נתקבל געווארן, אז איך האב אויפגעשטעלט מיט דעם זיווג אזא שיינע שטוב, אז איך האב א קינד יעקב, וואס איז נכנס עמו ריח גן עדן.

*

**און** דער מדרש זאגט, אמאל איז דער זיווג בכי, און אמאל איז עס שירות. זכו, איז עס שירות, און טאמער עס איז לא זכו, איז עס א בכי. אמאל איז

עס אסירים, עס איז א תפיסה, מען האט צוזאמגעבינדען צוויי מענטשען, און מען דארף זיצען אינאיינעם. אבער עס איז מוציא אסירים, עס איז דא א וועג, ווי אזוי עס זאל נישט דארפן זיין דער אסירים, דאס איז בכי און שירות. ווען עס איז געווען פארדעם בכי, עס זענען געווען תפלות, מען האט מתפלל געווען און געבעטן ביים אייבערשטען, דעמאלטס איז עס שירות. מוציא אסירים בכושרות, בכי און שירות, ווען עס איז דא קודם בכי, איז נאכדעם דא שירות.

**די** תפלות וואס עלטערן בעטן פאר קינדער, ווערט קיינמאל נישט פארפאלן. די תפלות זענען עושה רושם, אז ווען עס קומט די צייט וואס מען דארף טון א שידוך, טוט דער אייבערשטער געבן אזא שידוך, ווי מען האט פריער גערעדט, אין מזווגין לו לאדם אשה אלא לפי מעשיו, וויפיל מען האט געדאווענט, וויפיל מען האט מתפלל געווען, טוט דער אייבערשער נאכדעם צושיקן די ריכטיגע זיווג. מושיב יחידים ביתה, דאס וואס דער אייבערשטער נעמט די יחידים, און ער לייגט זיי אריין אין איין שטוב, מוציא אסירים, דער אייבערשטער טוט זיי מוציא זיין פון זייער שטוב, און ער טוט זיי צוזאמבינדען, בכושרות, ווענט זיך עס, ווי אזוי עס איז געווען די בכי, אזוי איז דא נאכדעם שירות.

**ב"ה,** דער חתן, א בן קדושים, פון אזא ערליכע שטוב, פון אזא הייליגע שטוב, א שטוב וואס מען האט נאר געזען תורה און מעשים טובים. עס איז אין מזווגין לו לאדם אשה אלא לפי מעשיו, מען האט אים צוגעשיקט א זיווג די חשובע כלה, וואס איז באמת א כלה צנועה וחסודה. זי האט זיך זייער שיין אויפגעפירט אלע יארן, מיט איידעלקייט און ערליכקייט, מלא מיט מדות טובות, חכמה און יראת ה', און א צנועה במעשיה. עס דערקענט זיך די תפלות וואס אלע צדדים האבן מתפלל געווען. זאל דער אייבערשטער געבן, אז די תפלות זאלן ווייטער נמשך ווערן, אז זיי זאלן קענען אויפשטעלן א בית נאמן בישראל, ערציען ערליכע יודישע דורות לה' ולתורתו. זכות אבות יגן עלינו, די זכות פון די אבות פון אלע צדדים זאל מגין זיין, אז זיי זאלן אויפבויען א בית נאמן בישראל. און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין, וכמשוש חתן על כלה ישיש עליך אלקיך, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

**אחר התנאים נכנס המחותן כ"ק האדמו"ר מזידיטשוב שליט"א לביקור אצל רבינו שליט"א.**

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** איך האב געזען די וואך געשריבן פונעם **סאטמאר'ער רב זי"ע**, אז ער האט אמאל געזאגט, אז אינדערהיים זענען פינף און אכציג פראצענט קינדער געווען שוואכער פון די עלטערן. עס איז נאר געווען פופצן פראצענט קינדער וואס זענען געווען בעסער פון די עלטערן. האט ער געזאגט אין אנהייב, איך וויל אויפשטעלן אזעלכע מוסדות וואס פינף און אכציג פראצענט וועלן זיין בעסער פון די עלטערן. - אז מען זאל קענען אויפשטעלן שיינע דורות אין אמעריקא איז א עקסטערע ברכה.

**אב"ד חודרוב:** דער **נאוומינסקער רבי שליט"א** אין די הקדמה צו זיין ספר **עדת יעקב** ברענגט ער צו פונעם **קאצקער רבי**, אז ער האט געזאגט, אז ער זעהט ווי די תורה וואלגערט זיך, און ער זעהט ווי עס קומט אן קיין אמעריקא.

**רבינו:** מען האט געוואלט אז דער **שינאווער רב** זאל קומען קיין אמעריקא. צדיקים האבן נישט געוואלט קומען ווייל די **תלמידי בעל שם טוב** זענען נישט דא געווען.

**הר"י הרה"ג רבי יעקב טובי' ווייזער:** דער **גארליצער רב** האט אים געבעטן. דער **גארליצער רב** האט געזאגט, אז איך וועל גיין, וועט מען זאגען אז איך פאר וועגן געלט, אבער דער ברודער ווייסט מען אז ער איז א איש אמת. און דער **שינאווער רב** האט געזאגט, איך האב שוין נישט קיין כח, איך בין שוין צו אלט.

**האדמו"ר מזידיטשוב:** איך האב געהערט א נוסח, אז דער **שינאווער רב** האט געזאגט צו זיין ברודער, דער **גארליצער רב**, נו, גיי דו. האט ער געטפערט, די נארנים לויפן דיר נאך.

**רבינו:** איך האב געהערט פון מיין **טאטע זכרונו לברכה**, אז דער **קדושת יום טוב** האט זיך משדך געווען מיט **רבי שלמה סאסוב'ער. רבי שלמה סאסוב'ערס** זון איז געווען א איידעם ביים **קדושת יום טוב**. און **רבי שלמה סאסוב'ער** האט געהייסען

אז ער איז א מומחה צו היילן משוגעים. ער האט פארשטאנען צו די רוחות, ער איז געווען דערויף א מומחה. ווען ער איז געקומען קיין סיגוט, איז דער גאנצער עולם נאכגעלאפן נאכן **סאסובער רבי**, און ווען דער **קדושת יום טוב** האט געוואלט גיין דאווענען מנחה, האט ער נישט געהאט קיין מנין, ווייל יעדער איז געגאנגען צום סאסוב'ער. האט דער **קדושת יום טוב** געזאגט, די וועלט זאגט, אז אלע משוגעים גייען קיין סאסוב, זאל כאטש איין משוגענער קומען צו מיר אויך.

נאכדעם ווען זיי האבן זיך געטראפן, האט דער **קדושת יום טוב** געזאגט פאר **רבי שלמה סאסוב'ער**, איך האב אויך אפאר משוגעים וואס קומען צו מיר, אבער אז איר זענט געקומען אהער, האב איך מורא אז איר וועט זיי אויסהיילען, און איך וועל ווערן אויס רבי. האט דער סאסוב'ער געזאגט, חסידות איז אזא משוגעת, אז איך קען דאס אויך נישט היילען...

**האדמו"ר מזידיטשוב:** אין חסידות כתחלתו (**רוקח** בהקדמה), דער ברען און דאס התלהבות. דאס איבערגעטריבענע משוגע'קייט, איז די התלהבות וואס איז דא. דער דרך **הבעל שם טוב** האט אנגעצינדען דאס התלהבות.

**רבינו:** דער **שאמלויא'ער רב** ברענגט צו אין די דרשות (**דרשות לחם שלמה** דרוש מט), אז צדיקים האבן געזאגט, אז בחייו פונעם הייליגען **בארדיטשוב'ער רב**, האט דער אייבערשטער געזאגט מוסר פאר די מלאכים, אז זיי זאלן זיך גיין לערנען פונעם **בארדיטשוב'ער רב**, ווי אזוי א בשר ודם דינט דעם אייבערשטען מיט אזא התלהבות. און ער טייטשט דערמיט דעם פסוק (תהלים פט-ז) כי מי בשחק יערוך לה', ווער עס קען דינען דעם אייבערשטען, אז אפילו אין הימל איז אנגענומען זיין עבודה, ידמה לה' בבני אלים, נעמט אים דער אייבערשטער פאר א דוגמא פאר די מלאכים, אז זיי זאלן זיך אפלערנען פון אים, ווי אזוי צו דינען דעם אייבערשטען.

**אב"ד חודרוב:** עס איז געווען א קשר צווישן דעם **שאמלויא'ער רב** מיטן **פתחא זוטא** (סב החתן)?

**רבינו:** איך האב נישט געהערט. אבער פון מיין זיידע דער **מאקאווא'ער דיין** (בעל **אהבת חיים**) איז דא בריוו'ן וואס ער האט זיך געשריבן מיטן **פתחא זוטא**. ביי אונז אינדעהיים איז דא א פאסט קארטל וואס דער **פתחא זוטא** האט אים געשריבן אין הל' עירובין. דער זיידע האט אים געשריבן א הערה אויפן ספר, און דער **פתחא זוטא** האט אים אויף דעם צוריקגעשריבן. דער **פתחא זוטא** האט געהייסען זייער א פיינער מורה הוראה, ער איז געווען קולע אל השערה.

**אב"ד חודרוב:** דער זיידע דער **שטראסבורג'ער רב זצ"ל** (חותן **האדמו"ר מזידיטשוב שליט"א**) האט געזאגט, אז ער האט אמאל געהערט פון זיין זיידע דער **פתחא זוטא**, וואס איז די מחלוקת צווישן בן עזאי מיט די חכמים, צו נפשי חשקה בתורה, צו נישט (יבמות סג:). וואס איז געווען מיט אלע אנדערע חכמים וואס האבן יא חתונה געהאט, זיי האבן נישט געוואלט לערנען?! האט דער **פתחא זוטא** געזאגט, אז בן עזאי גייט לשיטתו (סוטה כ.), אז מען דארף לערנען תורה מיט די טעכטער, און די חכמים האבן געהאלטן אז מען טאר נישט. און אז פרויען קענען נישט לערנען תורה, דארפן זיי אנגעקומען צו די זכותים פונעם מאן, מיט דעם וואס זיי שיקן די מענער לערנען אין בית המדרש (ברכות יז.). איז די וואס האלטן ווי די חכמים אז פרויען טארן נישט לערנען, קענען זיי זיין פארזיכערט אז נאך די חתונה וועט די בני בית צושטיפן צו גיין לערנען. אבער בן עזאי וואס האט געהאלטן אז זי קען אליין לערנען, אויב אזוי פארוואס מוז זי שיקן דעם מאן אין בית המדרש, זי קען דאך אליין לערנען. וועגן דעם האט בן עזאי נישט געוואלט חתונה האבן.

**רבינו:** ווען די ווייב קען נישט לערנען שטופט זי כאטש דעם מאן צו לערנען מיט זיין חברותא, אבער אז זי קען אויך לערנען, וויל זי זיין די חברותא.

**ובירכו רבינו:** דער אייבערשטער זאל העלפען, אז מען זאל פארן געזונטערהייט, און אנקומען געזונטערהייט, און קומען נאר אויף שמחות פרייליכערהייט.

**ונפרדו לשלום**

*

***יום רביעי פרשת כי תצא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל החופה של בן **הרה"ג רבי יוסף זילבער שליט"א** דומ"ץ דבית מדרשנו התאחדות אברכים (מאנסי), עב"ג בת הר"ר **יעקב אהרן גוטמאן** הי"ו, שהתקיים בחצר **כ"ק האדמו"ר מויזניץ שליט"א. רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר החופה עבר **רבינו שליט"א** להיכל הישיבה קטנה **'נועם התורה'** דקהלתנו הק' במאנסי, והשמיע דרשת פתיחת הזמן לבחורי הישיבה. אחר הדרשה התפלל שם תפלת מעריב.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**די** חשובע בחורים האבן אנגעהויבן א נייעם זמן, מיט א פרישן התחדשות. ביי א טייל בחורים איז עס אינגאנצן א התחדשות, זיי קומען אריין דאס ערשטע מאל אין א ישיבה. ביי א טייל איז עס נאר אין די בחינה פון בכל יום ויום יהיו בעיניך כחדשים. ווען מען הייבט אן א נייעם זמן, הייבט מען אן מיט א התחדשות. זאל דער אייבערשטער געבן אז מען זאל אויסנוצן די צייט, וויסען דעם תכלית פארוואס מען געפונט זיך אין ישיבה, און די תכלית פאר וואס מען קומט אינגאנצן אויף די וועלט, כדי אויסצוואקסען גרויס אין תורה און עבודת ה', און די מקום תורה העלפט צו דערצו, אז מען זאל קענען צוקומען צום תכלית.

**די** פרשה די וואך הייבט זיך אן, כי תצא למלחמה על אויביך, ונתנו ה' אלך בידך, ושבית שביו (דברים כא-י), און נאכדעם קומט די פרשה פון יפת תואר, און די פרשה פון א בן סורר ומורה. אין הייליגע ספרים שטייט, אז כאטש דער פסוק רעדט זיך כפשוטו, ווען מען גייט ארויס אין א מלחמה מיט א אויב פון די אומות העולם, און ונתנו ה' אלקיך בידך, מען זיגט די מלחמה. אבער דא ליגט אויך א רמז, אויף יעדע מלחמה רוחניות, וואס יעדער מענטש האט באזונדער. יעדער מענטש האט ביי זיך א מלחמה, דער באשעפער האט אזוי באשאפן דעם מענטש, מיט א יצר טוב און א יצר הרע, און עס איז דא א שטענדיגע מחלוקת. דער יצר טוב זוכט צו פירן דעם מענטש אויפן ריכטיגען וועג, און דער יצר הרע איז א חומר, ער זוכט תאוות עולם הזה, נאכצוגיין נאך עניני עולם הזה. און עס איז שטענדיג דא א מלחמה, איינער מיטן צווייטען.

**אסאך** מאל קוקט אויס, אז עס איז אוממעגליך פאר א מענטש צו זיגען די מלחמה. דער יצר הרע איז א מלאך אלקים, א מלאך המפתה, און וואס איז דער מענטש, א בשר ודם. דער גוף פון א מענטש זוכט דאך אויך נאכצוגיין נאך תענוגי עולם הזה, און ער האט נאך א מלאך וואס טוט אים צוהעלפן דערצו. **קען זיך אמאל א מענטש מייאש זיין, און טראכטען, עס איז נישט מעגליך אז ער זאל קענען זיגן די מלחמה.** עס שטייט אין די גמרא (קידושין פא.) אז רב עמרם האט אמאל געהאט א נסיון פון א עבירה, ער האט געהאלטן ביים טון א עבירה, און ער האט זיך צוריקגעהאלטן, ער האט זיך מתגבר געווען אויף זיין יצר הרע. ער האט זיך אבער נישט געקענט צוריקהאלטן אליין, האט ער אויסגעשריגען אז עס ברענט א פייער, יעדער זאל קומען. זענען געקומען זיינע חברים, און זיי האבן געזען ווי רב עמרם האלט דא פאר א עבירה. האט מען אים געפרעגט, וואו איז דער פייער. האט ער געזאגט, אז ער האט געפילט אז אנדערש וועט ער נישט קענען ברעכען זיין נסיון, נאר אז ער וועט צוזאמרופן דעם ציבור דא. און ער האט באשוואוירן דעם יצר הרע, אז ער זאל ארויסגיין פון אים. נאכדעם האט ער געזאגט, חזי, קוק אן, דאת נורא, דו ביסט א שטיק פייער, ואנא בישרא, און איך בין א שטיק פלייש. און פלייש קען נישט מנצח זיין פייער, און איך האב דיר מנצח געווען. זעהט מען ווי גרויס די מלחמה איז, פלייש אקעגן פייער. און ווער געווינט בדרך כלל, דער פייער געווינט מער. קען אמאל א מענטש צוקומען צו ייאוש, און טראכטען אז עס איז נישט מעגליך צו זיגן די מלחמה.

**עס** איז אבער נישט אזוי, אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו (ע"ז ג.), **דער אייבערשטער בעהט נישט פון א מענטש א זאך וואס ער קען נישט. דער אייבערשטער גיט נישט פאר א מענטש א יצר הרע, וואס ער קען זיך נישט א עצה געבן דערמיט. אז דער אייבערשטער האט דיך אראפגעשיקט אויף די וועלט, און ער האט דיך אויסגעשטעלט אזוי ווי דו ביסט, זאלסטו וויסען אז דו האסט די מעגליכקייט, דו קענסט וואקסען, דו קענסט זיגן די מלחמה,** דער אייבערשטער וועט אים איבערגעבן אין דיין האנט.

**עס** שטייט אין די גמרא (קידושין ל:) יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום, דער יצר הרע טוט זיך מתגבר זיין אויפן מענטש יעדן טאג. עס איז דא א גירסא אין די גמרא, מתחדש עליו בכל שעה, אייביג קומט א נייע יצר הרע. ואלמלא הקב"ה עוזרו אין יכול לו, ווען מען האט נישט קיין הילף פונעם אייבערשטען, איז נישט מעגליך אז א מענטש זאל קענען בייקומען דעם יצר הרע. שנאמר (תהלים לז-לב) צופה רשע לצדיק ומבקש להמיתו, דער רשע, דער יצר הרע, איז צופה אויפן צדיק, און ער וויל אים הרג'ענען, ה' לא יעזבנו בידו, דער אייבערשטער גיט אים נישט איבער. **ווען א יוד טוט וואס ער דארף צו טון, ער פראבירט זיך מתגבר צו זיין אויפן יצר הרע, ער לערנט, ער דאווענט, ער טוט מצות און מעשים טובים. ווען ער גייט ארויס אויף די גאס, גיט ער זיך אכט זיך צו פירן ערליך. אז דו ווילסט, וועט דיר דער אייבערשטער העלפן.** דו האסט נישט קיין כח אקעגן דעם יצר הרע, דער יצר הרע איז פייער, אבער דער אייבערשטער קען דיר געבן כוחות הנפש, וואס איז אסאך שטערקער פונעם יצר הרע.

**און** די תורה איז דיר מגלה, **דו זאלסט וויסען אז די האסט די כוחות הנפש זיך מתגבר צו זיין. ווען א מענטש ווייסט, אז ער קען זיגען די מלחמה, גייט ער אנדערש צו.** ווען א מענטש גייט ארויס אין א מלחמה, און די פיינט איז זייער גרויס, און ער ווייסט אז ער איז שוואך, ער איז א פליג, ער האט נישט קיין כלי זיין, און זיי האבן כלי זיין, גייט ער גראד ארויס פארלוירן אין די מלחמה. ער הייבט אפילו נישט אן צו ארבעטן, ווייל ער קען עס ממילא נישט געווינען, עס איז נישט מעגליך אז מען זאל קענען זיגען אזא מלחמה. ווען ער ווייסט אבער, אז ער האט יא די כוחות, דעמאלטס גייט ער אריין מיט א אנדערן חשק צו די מלחמה.

**די** תורה זאגט, כי תצא למלחמה על אויבך, ווען דו וועסט ארויסגיין אין א מלחמה אויף דיין פיינט, וואס דאס איז דער יצר הרע וואס איז דא אינעם מענטש. זאלסטו וויסען, ונתנו ה' אלקיך בידך, דער אייבערשטער וועט אים איבערגעבן אין דיין האנט. ווען עס וועט זיין כי תצא, ווען דו וועסט ארויסגיין, ווען דו וועסט טון, פארליר דיך נישט צו טראכטען אז עס איז נישט מעגליך אז איך זאל קענען באזיגען דעם יצר הרע. דו זאלסט וויסען, אז עס איז דא א הבטחה פונעם אייבערשטען, ונתנו ה' אלקיך בידך. אז מען וויל, זיגט מען.

**די** אלע גדולי ישראל, די אלע צדיקים, וואס זענען אויסגעוואקסען גרויס אין תורה און אין עבודת ה', האבן אלע געהאט די זעלבע יצר הרע ווי אונז האב מיר, גאר נישט עפעס אנדערש. זיי זענען געווען די זעלבע בחורים ווי אונז, און די זעלבע קינדער ווי אונז, מיט דעם זעלבן יצר הרע וואס אונז האב מיר, זיי האבן אבער געארבעט דערויף, און זיי זענען אויסגעוואקסען. א נשמה קומט נישט אראפ אויף די וועלט א צדיק, און ער דארף נישט ארבעטן דערויף. עס איז דא אמאל גרעסערע נשמות און קלענערע נשמות, מען רעדט אבער אין כלליות, אלע צדיקים און אלע חכמי ישראל וואס זענען אויסגעוואקסען גרויס, האבן געהאט די זעלבע נסיונות ווי אונז. און נישט נאר די זעלבע נסיונות ווי אונז, נאר גרעסערע. ווייל די גמרא (סוכה נב.) זאגט, אז דער יצר הרע איז זיך מתגבר אויף א יוד מער ווי אויף א גוי. א יוד האט א גרעסערע יצר הרע ווי א גוי, א גוי האט נישט דעם יצר הרע וואס מיר האבן. און וועגן דעם זאגט די גמרא, אז לעתיד וועט זיך דער אייבערשטער אפרעכענען מיט דעם יצר הרע, כאטש ער האט געטון זיין ארבעט, ווייל ער האט זיך מער פארלייגט אויף יודען.

**די** גמרא זאגט, כי הגדיל לעשות (יואל ב-כ), אמר אביי, ובתלמידי חכמים יותר מכולם. ווער האט דעם גרעסטן יצר הרע אין כלל ישראל, תלמידי חכמים. פארוואס האבן די תלמידי חכמים דעם גרעסטן יצר הרע, ווייל דארט ווייסט ער, אז ער קען פארלירן דאס מערסטע, לייגט ער אריין א גרעסערע עבודה. א פשוט'ער יוד, ער איז דאך ממילא א פשוט'ער יוד, וועט ער טון נאך א עבירה. אנשטאט פינף עבירות, וועט ער טון זעקס עבירות, עס ברענט אים נישט. אבער דער תלמיד חכם, וואס קען אויסוואקסען א גדול בישראל, און ער קען שטייגען, און ער קען מזכה זיין את הרבים, אים פרובירט דער יצר הרע מיט וואס ער קען, אז ער זאל אים מנצח זיין. א תלמיד חכם, א גדול בישראל, די אלע וואס זענען אויסגעוואקסען גרויס, די האבן געהאט א עקסטערע יצר הרע.

אבער ונתנו ה' אלקיך בידך, עס איז דא א הבטחה פונעם אייבערשטען, אז ווען מיר ווילן טון וואס מיר דארפן צו טון, וועט דער אייבערשטער איבערגעבן דעם יצר הרע אין אונזערע הענט.

*

**וואס** איז די עצה? שטייט אין הייליגע ספרים, **'ושבית', דו זאלסט פאנגען דעם יצר הרע, 'שביו', אזוי ווי ער האט דיר געפאנגען. לאמיר קוקען וואס איז דער וועג פונעם יצר הרע, און לאמיר זעהן ווי אזוי מען דארף ארבעטן מיט דעם זעלבן וועג אקעגן דעם יצר הרע.**

**דער** וועג פונעם יצר הרע איז, ער קומט נישט צו צו איינעם, זיי מחלל שבת. ביסט געפאלען אויפן קאפ, איך וועל מחלל שבת זיין?! ער וועט נישט צוקומען צו איינעם, דאווען נישט, לייג נישט קיין תפילין, ווער וועט אים פאלגען? דער יצר הרע הייבט אן מיט קלייניגקייטן. איין קלייניגקייט, און נאכדעם נאך א קלייניגקייט, און נאכדעם נאך א קלייניגקייט, ביז ער זיגט דעם מענטש. היום אומר לו עשה כך, ולמחר אומר לו עשה כך, עד שאומר לו עבוד עבודה זרה, והולך ועובד (שבת קה:). ער הייבט אלץ אן מיט א קלייניגקייט, ער בעהט פון אים עפעס.

**מען** זעהט אסאך מאל, דער אייבערשטער זאל אפהיטן, בחורים וואס זענען יוצאים לתרבות רעה. ער איז געווען א בחור ווי א אנדערער, ער האט געלערנט אין חדר אזוי ווי אנדערע קינדער, ער האט געלערנט אין ישיבה אזוי ווי א צווייטער, און עס גייט אדורך א שטיק צייט, און מען טרעפט אים אויף די גאס, ל"ע אן א קאפל, און אן די פיאות. דאס ווערט נישט אין איין מינוט. **עס הייבט זיך אן מיט זייער קליינע קלייניגקייטן. דער יצר הרע הייבט קודם אן, דו דארפסט האבן אנדערע שיך, די פיאות דארף נישט זיין אזוי לאנג, די האר מעג זיין אביסל גרעסער.** עס איז אלעס קלייניגקייטן, מען קען אים נישט אויפווייזען אז עס שטייט בפירוש אין שלחן ערוך אז מען דארף נישט אזוי טון. **די קאפל דארף נישט זיין אזוי גרויס, עס קען זיין אביסל א קלענערע קאפל, ביז עס ווערט א כזית קאפל, און ביז ער גייט אן א קאפל.** יעדע זאך הייבט זיך אן מיט א קלייניגקייט, און עס גייט ווייטער.

**א** אוכל נבילות וטריפות. ער האט געגעסן נעכטן כשר, און היינט עסט ער חזיר? עס גייט נישט אזוי. **קודם עסט ער כשר, און נאכדעם זאגט ער, עס מוז נישט זיין דער בעסטער הכשר, עס קען זיין סיי וואס פאר א הכשר. עס האט דערויף יודישע אותיות, איז עס כשר. נאכדעם, אמאל בשעת הדחק, איך בין הונגעריג, איך בין אינדרויסן אויף די גאס, יעצט איינמאל וועל איך מוותר זיין, און עסן א זאך וואס האט נישט אזא גרויסע הכשר. וואס קען שוין זיין דערין, וואס האט מען אריינגעלייגט, עס ליגט דערין חזיר? עס איז פשוטע פאטעטע"א טשי"פ. אזוי הייבט ער אן צו עסן איין זאך, און א צווייטע זאך, ביז מיט די צייט ווערט מען א אוכל נבילות וטריפות.**

**קליינער** הערט נישט אויף צו דאווענען פון זיך אליין. איינמאל פאר אלעמאל ער קומט נישט אין שול, און ער דאווענט נישט. עס הייבט זיך אלעס אן מיט קלייניגקייטן. **עס הייבט זיך קודם אן, אז מען מוז נישט זיין ביים דאווענען תיכף אין אנהייב, מען קען אויך אריינקומען ביי הודו. נאכדעם געוואוינט מען זיך צו, אז מען קען אריינקומען ביי ברוך שאמר, און נאכדעם איז אויך נישט געפערליך אז מען קומט אריין ביי ישתבח. און אז איך האב מנין איז גוט, און אז איך וועל נישט האבן א מנין וועל איך דאווענען ביי מיר אינדערהיים, און מיט די צייט הערט ער אויף אינגאנצן צו קומען דאווענען.**

**די** וועג פונעם יצר הרע איז, אנצוהייבן מיט קלייניגקייטן, און דאס דארף מען וויסען ביי זיך, אז דארט איז דער פלאץ ווי מען דארף אפשטעלן דעם יצר הרע. יעדע זאך וואס הייבט זיך אן מיט א שטיקל שינוי, א טויש פון וואס עס איז געווען פריער, דארף מען עס אפשטעלן, ווייל דאס וועט ברענגען שפעטער עד שאומר לו עבוד עבודה זרה.

**דעם** זעלבן וועג דארף מען זיך אפלערנען פונעם יצר הרע, צו נוצן אויך פאר עבודת ה'. מען קען אסאך מאל נישט פארלאנגען פון איינעם, אז ער זאל קענען א מסכתא. ער פילט אז עס איז נישט לפי כשרונותיו, ולפי כחו, ער קען נישט אנקומען צו קענען א מסכתא. דו מוזט נישט קענען די מסכתא. **וואס קענסטו יא, דריי פרקים קענסטו יא,**

הייב אן צו לערנען וואס דו קענסט יא. דו פארשטייסט נישט דעם תוספות מיט אלע מפרשים, שטעל זיך נישט אפ פון לערנען. הייב אן מיט א קליינינקייט, מיט וואס דו קענסט יא. היינט פארשטיי איך אביסל, מארגען פארשטיי איך נאך מער, און אזוי וועט עס גיין ווייטער.

**ער** קען נישט אויפשטיין פארטאגס צו לערנען, ער מוז זיין אויסגערוהט. **קענסט טאקע נישט אויפשטיין גאנץ פארטאגס, אבער דו קענסט יא אויפשטיין מיט א האלבע שעה פריער פון וואס דו ביסט געוואוינט אויפצושטיין. דו קענסט זיך נישט צוריקהאלטן פון עסן יעדע נאש וכדומה, דו ביסט נישט ביי די מדריגה, אבער דו קענסט אנהייבן מיט קליינינקייטן. דו מוזט נישט עסן אלע נאש, דו קענסט עסן איינס, צוויי, דריי, אבער נישט יעדע זאך וואס איז דא אין געשעפט מוזטו קויפן צו עסן.** - דאס איז די וועג ווי אזוי מען טוט מנצח זיין דעם יצר הרע. פרוביר אנצוהייבן ביי יעדע זאך, וואס קען איך יא. און וואס איך קען, וועל איך נישט נאכלאזן, און איך וועל עס טון עד הסוף. היינט קען איך אזויפיל, און מארגן וועל איך קענען נאך מער, און איבערמארגען וועל איך קענען נאך מער, ביז מען וואקסט אויס א תלמיד חכם.

**דאס** זעלבע איז מיט תפלה. יעדער ווייסט ווי אזוי א יוד דארף צו דאווענען, ווי אזוי ערליכע יודען פלעגן צו דאווענען, און דאווענען היינט. מיטן גאנצן הארץ, מיט השתפכות הנפש. בשעת ער דאווענט פארגעסט ער פון אלעם ארום און ארום, זיין קאפ איז עומד לפני המלך, ער שטייט פארן אייבערשטען, און ער איז מתפלל, און ער בעהט פונעם באשעפער. **אסאך מאל קען א בחור טראכטען ביי זיך, איך בין נישט מסוגל, אז איך זאל קענען אדורכגיין דאס גאנצע דאווענען מיט כוונה. די קאפ פליט אים, די קאפ איז נישט אויפן פלאץ. אמת, עס איז מעגליך, דו ביסט נאכנישט צוגעקומען צו די מדריגה, אבער דו האסט אמאל פראבירט מכוון צו זיין וואס דו קענסט יא? נעם איין קאפיטל, דעם קאפיטל וועל איך דאווענען אזוי ווי א יוד דארף צו דאווענען. איך וועל מכוון זיין ביי דעם קאפיטל, יעדעווארט פירוש המילות. ביי דעם קאפיטל וועל איך פארגעסן פון אלעס וואס איז ארום און ארום. און צוביסלעך הייבט מען אן איין קאפיטל, און נאכדעם א צווייטע קאפיטל, ביז מען לערנט זיך אויס און מען דאווענט דאס גאנצע דאווענען מיט כוונת הלב.**

**דאס** איז דער וועג, 'ושבית', מיר דארפן פאנגען דעם יצר הרע, 'שביו', אזוי ווי ער האט דיך געפאנגען. **ווען דער יצר הרע האט דיך געפאנגען האט ער געפאנגען מיט קליינינקייטן, און פון א קליינינקייט גייט ער אלץ מער און מער. מיר ווילן אויך אנהייבן מיט קליינינקייטן, נעמען אויף זיך, וויפיל איך קען יא. וואס איך קען, וועל איך נישט נאכלאזן. און דער אייבערשטער העלפט, אז מען איז מצליח די וואך אביסל, און די אנדערע וואך נאך אביסל, און נאך אביסל, ביז עס גייט אדורך א זמן, און ווען ער קוקט זיך אן סוף זמן, וואס ער איז געווען אנהייב זמן, איז ער נישט צו דערקענען.** ער איז נישט דער זעלבער בחור, ער איז נישט דער זעלבער מענטש, וואס ער איז געווען פריער.

*

**עס** שטייט פון צדיקים, א מענטש קען אסאך מאל זאגן, איך קען נישט. **די מצוה וואס מען האט מיר געגעבן, דאס וואס מען פארלאנגט פון מיר, איז העכער פון מיינע כוחות, איך קען צו דעם נישט צוקומען. עס איז נישט דא אזא זאך. דער אייבערשטער קומט נישט בטרוניא עם בריותיו, דער באשעפער בעהט נישט פון דיר א זאך וואס דו קענסט נישט. יעדע נסיון וואס דו האסט, איז א סימן אז דו קענסט עס בייקומען.** ווייל טאמער דו וואלסט נישט געקענט בייקומען דעם נסיון, וואלט עס דער אייבערשטער דיר נישט געגעבן.

**עס** שטייט פונעם **חידושי הרי"ם**, אז די גמרא (כתובות לג:) זאגט, אז חנניה מישאל ועזריה זענען געווען גרויסע לייט, און דער מלך האט געוואלט אז זיי זאלן דינען עבודה זרה, און זיי האבן נישט געוואלט. האט דער מלך געהייסען מען זאל זיי אריינווארפן אין פייער. און זיי האבן זיך געלאזט פארברענט ווערן פארן אייבערשטען. און עס האט פאסירט א נס, אז זיי זענען ארויסגעקומען פונעם פייער לעבעדיגערהייט. זאגט די גמרא, אלמלי נגדוה, ווען מען וואלט זיי נישט אריינגעווארפען אין

פייער, נאר מען וואלט זיי געגומען און אנגעהויבן טיילן קלעפ ביז זיי וועלן זיך בוקען צו די עבודה זרה, פלחו לצלמא, וואלטן זיי געדינט עבודה זרה. [תוספות (שם ד"ה אלמלי) זאגט, אז עס איז נישט געווען דארט א ריכטיגע עבודה זרה, און זיי האבן זיך נאר מוסר נפש געווען אויף א זאך וואס זיי האבן נישט געדארפט]. - זיך צו הרג'ענען פארן אייבערשטען איז נישט אזוי שווער, וועט ער נישט לעבן. ווילאנג נעמט צו שטארבען, עס איז א נסיון פון א סעקונדע. געשאסן און פארטיג, ער איז נישט דא. אבער כאפן קלעפ, יעדע מינוט באקומט ער נאך א קלאפ, דאס קען א מענטש נישט אויסהאלטן. פון קלעפ קען א מענטש אסאך מאל טון א זאך וואס ער איז נישט דערביי. זאגט די גמרא, אז אויב מען וואלט געשלאגן חנניה מישאל ועזריה, וואלטן זיי דאס נישט געקענט אויסהאלטן, און זיי וואלטן נישט בייגעשטאנען דעם נסיון.

**האט** דער הייליגער **חידושי הרי"ם** געפרעגט, מיר ווייסען אז חנניה מישאל ועזריה זענען זייער גרויס. פארוואס וויל די גמרא עפעס אוועקנעמען זייער מדריגה, אז זיי זענען נאר געווען פעהיג זיך אריינצוווארפען אין פייער, אבער טאמער מען שלאגט זיי, וואלטן זיי נישט עומד געווען בנסיון. פארוואס פארציילט די גמרא די גנות פון חנניה מישאל ועזריה. אפילו עס זאל זיין אמת, דארף עס די גמרא אויך נישט פארציילען.

**האט** דער הייליגער **חידושי הרי"ם** גוזאגט, אז די גמרא וויל אונז פארציילען, פארוואס מען האט זיי טאקע נישט געשלאגען. אז די גמרא זאגט, אז ווען מען שלאגט א מענטש דעמאלטס קען ער נישט עומד זיין בנסיון, און זיי וואלטן זיך געבוקט צו די עבודה זרה. פארוואס האט דער מלך געהייסען אז מען זאל זיי אריינווארפען אין פייער? דער מלך וואלט געדארפט זאגען, אז מען זאל זיי געבן קלעפ, ביז זיי וועלן זיך בוקען צו די עבודה זרה. נאר אזוי ווי עס איז נישט מעגליך אז א מענטש זאל קענען אויסהאלטן די קלעפ, א נסיון וואס א מענטש קען נישט אויסהאלטן, גיט נישט דער אייבערשטער.

**זאגט** די גמרא, טאמער מען וואלט געשלאגען חנניה מישאל ועזריה אז זיי זאלן דינען עבודה זרה, פלחו לצלמא. אויב אזוי, פארוואס האט דער מלך נישט געהייסען, אז מען זאל זיי שלאגען ביז זיי גייען עס טון. ווייל אזו ווי עס וואלט געווען פלחו לצלמא, קומט דאך אויס, אז עס וואלט געווען א נסיון וואס זיי קענען נישט ביישטיין. **און א נסיון וואס א מענטש קען נישט ביישטיין, גיט נישט דער אייבערשטער.** אז איינער האט א נסיון אויף א געוויסע זאך, דארף ער וויסען אז ער האט די כוחות הנפש דערצו, און ער דארף זיך אפשטעלן, איך וויל עס נישט טון. און טאמער דארף ער עס טון, באקומט ער די כוחות הנפש אז ער זאל עס קענען טון.

*

**עס** שטייט פון צדיקים, אז רש"י (כא-יא) זאגט ביי די פרשה פון יפת תואר, לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע. פארוואס האט די תורה מתיר געווען א יפת תואר, אז ער מעג איר נעמען, ווייל די תורה האט גערעדט אקעגן דעם יצר הרע. אין א מלחמה איז דער יצר הרע זייער גרויס, און ער וועט נישט קענען עומד זיין בנסיון, האט אים די תורה מתיר געווען, אז ער מעג עס טון. מען געפונט נישט נאך א מצוה אין די תורה, אז די תורה האט מתיר געווען צו טון א זאך וואס פאסט נישט, כנגד יצר הרע.

**די** תורה האט אונז געוואלט מיט דעם לערנען, אז דו זאלסט וויסען, אז אויסער 'די' מצוה, איז נישט דא נאך א מצוה וואס א מענטש האט נישט קיין כח, אז ער זאל קענען עומד זיין בנסיון. ווייל קוק אן די מצוה פון יפת תואר, ווען א מענטש וואלט געווען בכח זיך מתגבר צו זיין דערויף, וואלט עס די תורה נישט מתיר געווען. איך האב דיר נאר געגעבן די מצוה, ווייל עס איז נישט מעגליך אז דו זאלסט קענען ביי שטיין אקעגן דעם יצר הרע. לערן דיך פון דעם אראפ, אז די אנדערע זאכן וואס איך האב דיר נישט מתיר געווען, איז א סימן אז דו האסט דעם כח עומד צו זיין. ווייל טאמער עס וואלט געווען נאך א זאך וואס דו קענסט נישט עומד זיין אקעגן דעם יצר הרע, וואלט דאך די תורה דאס אויך מתיר געווען. **די פרשה פון יפת תואר לערנט אונז, אז ווען א מענטש האט א נסיון, זאלסטו וויסען אז ער קען עומד זיין בנסיון. ווייל וואס ער קען נישט, האט די תורה מתיר געווען.**

**כי** תצא למלחמה על אויבך, זאלסטו וויסען, ונתנו ה' אלקיך בידך, דער אייבערשטער וועט אים איבערגעבן אין דיין האנט. א ראיה דערויף אז דו האסט די כוחות דערצו, ווייל טאמער האט מען נישט די כוחות, האב איך געגעבן די מצוה פון יפת תואר, אז ער מעג נעמען די יפת תואר, ווייל לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע, פון דעם וועסטו וויסען, אז ווי איך האב דיר עס נישט מתיר געווען, האסטו יא די כוחות אז דו קענסט עומד זיין בנסיון.

*

**אבער** פון דעסטוועגן דאך שטייט אין די גמרא (סנהדרין קז.), אז ווען איינער נעמט א יפת תואר, וועט ער מוליד זיין א קינד וואס וועט זיין א בן סורר ומורה. די גמרא דרשנ'ט סמוכין, נאך די פרשה פון יפת תואר, איז דא די פרשה פון בן סורר ומורה. כאטש ער האט געטון וואס די תורה האט מתיר געווען, פון דעסטוועגן דאך, איז נישט א שיינע זאך וואס דו האסט געטון, וועסטו האבן א קינד א בן סורר ומורה.

**עס** קען זיין דער ענין דערפון איז, ווען א מענטש האט א גרויס חשק צו טון א זאך, און ער קען זיך נישט צוריקהאלטן. ער האט אזא חשק עס צו טון, ער קען זיך נישט אפשטעלן דערפון. איז דא אבער אמאל וואס ער וועט זיך יא אפשטעלן. **ווען איינער וועט שטיין נעבן אים מיט א שטעקן, און ער וועט אים זאגן, דו זאלסט וויסען אז טאמער דו טוסט עס, וועל איך דיר צוברעכן די ביינער, וועט ער עס נישט טון. ווייל פון צוברעכן די ביינער האט ער מער מורא, ווי די תאוה וואס ער וויל טון.** ווען קיינער טשעפעט אים נישט, וועט ער עס טון. אבער ווען איינער שטייט און זאגט אים, טאמער דו טוסט עס, זאלסטו וויסען אז איך וועל דיר גוט באקלאפן די ביינער, וועט ער עס נישט טון, ווייל ער האט מורא פון די קלעפ. **מיר האבן ליידער נישט קיין מורא פון די קלעפ פונעם אייבערשטען, וועגן דעם פאלט מען א דורך ביי א נסיון, אבער ווען א יוד וואלט געגלייבט אז עס וועט קומען אויף דעם קלעפ, וואלט ער נישט עובר געווען.**

**וואס** איז די זאך וואס טוט די מערסטע ווייפאר א מענטש? אז מען האט א קינד, וואס דאס קינד גייט אוועק פונעם ריכטיגען וועג. דאס איז די גרעסטע ווייטאג וואס עלטערן קענען האבן. **די גרעסטע נחת וואס עלטערן קענען האבן, איז ווען זיי זעהן ווי זיי ערציען קינדער, און די קינדער לערנען פלייסיג, זיי פירן זיך אויף איידל. דאס איז די גרעסטע נחת וואס א טאטע האט. עס איז נישטא נאך א תענוג וואס עלטערן קענען געניסן, מער פון דעם. די גרעסטע ווייטאג פון עלטערן איז, נישט ווען מען האט ל"ע א קינד וואס איז נישט געזונט, און ער האט נישט קיין רפואה, עס איז גענוג ביטער, נאר ווען א קינד איז יוצא לתרבות רעה. דאס איז אסאך און אסאך א גרעסערע ווייטאג פאר עלטערן, ווי ח"ו די גרעסטע אומגליק וואס איז דא.**

**דער** וואס האט א נסיון פון א יפת תואר, זאגט אים דער אייבערשטער, **דו האסט נישט די כח אז דו זאלסט זיך קענען מתגבר זיין, די קענסט נישט, דו קענסט נעמען א יפת תואר. דו זאלסט אבער וויסען, אז דו וועסט האבן א קינד א בן סורר ומורה. ווען ער הערט דאס, אז ער גייט האבן א קינד א בן סורר ומורה, דאס וועט אים אפהאלטן אז ער זאל נישט טון די עבירה. עס איז אים נישט כדאי אלע תענוגים שבעולם, אז ער זאל נאכדעם האבן א קינד, וואס זאל זיין א בן סורר ומורה.** האט די תורה מסמיך געווען די צוויי זאכען, אז א מענטש זאל זיך אפלערנען דערפון, און וויסען, אז טאמער דו קענסט נישט עומד זיין בנסיון, צו נעמען א יפת תואר, זאלסטו וויסען וואס די תוצאות דערפון איז, אז מען האט נאכדעם א קינד וואס דו וועסט ליידען דערפון. אזוי ווי די גמרא (סנהדרין קז.) זאגט אויף דוד המלך, אז אבשלום איז געווען אזוי ווי א בן סורר ומורה. און דוד המלך, א מלך ישראל, האט געדארפט איבערלאזן זיין שטוב און אנטלויפן, בברחו מפני אבשלום בנו (תהלים ג-א), דאס קינד האט אים געוואלט הרג'ענען. דאס איז א זאך וואס וועט אים צוריקהאלטען, אז ער זאל נישט זינדיגען.

*

**וואס** איז א בן סורר ומורה, ווי אלט איז א בן סורר ומורה? א בר מצוה יונגעל! א האלבע יאר איז די גאנצע פרשה פון א בן סורר ומורה (סנהדרין סח:). וואס האט דער בן סורר ומורה געטון? ער האט

נישט גע'הרג'ט מענטשען אויף די גאס, ער איז נאר אריינגעגאנגען צום טאטען אין שטוב, און געעפענט דאס לעדל, ארויסגענומען א פינפ'ער, און געגאנגען אין געשעפט, און זיך געקויפט א סענדוויט"ש פלייש, מיט א באטל וויין, און ער האט עס אויפגעגעסן. זאגט די תורה, אויב עס איז דא עדות דערויף, זאל מען נעמען דאס קינד, און אים טראגען צום בית דין, און בית דין זאל אים הרג'נען.

**אזוי** גרויס איז די עבירה? אויף גניבה איז נישט דא קיין מיתת בית דין, און אויף עסן פלייש און טרינקען וויין איז מען אויך נישט חייב. אבער די תורה זאגט, דאס איז נאר דער אנהייב. יעדע עבירה, יעדע תרבות רעה, הייבט זיך אן מיט א קלייניגקייט. ער האט נאר אנגעהויבן מיט דעם, אבער וואס וועט זיין דער סוף, ער וועט זיך צוגעוואוינען נאכצוגיין נאך זיינע תענוגים, און ער וועט דאך נישט האבן קיין געלט. היינט האט ער געקענט גנב'נען פונעם טאטען, וואס וועט זיין מארגען ווען ער וועט נישט קענען גנב'נען ביים טאטען, וועט ער זיך אראפשטעלן אויף די גאס, און ער וועט זעהן ווי מענטשען גייען אדורך, וועט ער מאכן האלד-אפס. אזוי ווי די אלע וואס זענען אריינגעטון אין דראג"ס ל"ע, און זיי קענען זיך נישט צוריקהאלטן, און זיי דארפן נאך און נאך, וואס טוען זיי, מען גנב'ט און מען גזל'ט, און מען הרג'ט, אז מען זאל קענען צוקומען. זאגט די תורה, ימות זכאי ואל ימות חייב, ענדערש זאל ער אוועק פון די וועלט אלץ א וואויל יונגעל, ווען ער איז נאך ערליך, ווי איידער ער זאל זיין א חייב. דאס איז טייטש, די תורה האט עס אפילו נישט געהאלטן פאר א ספק אז אפשר וועט ער דאך זיין גוט. מען זאל פרעגן די היינטיגע וועלט, וועט מען זאגן, א דרייצן יעריגע יונגעל זאל מען הרג'נען, ווייל ער האט געטון א זאך וואס מען דארף נישט צו טון? ער איז נאך א קינד. מען זאל ווארטען ביז ער וועט ווערן פופצן, זעכצן, זיבעצן יאר, ווען ער וועט אנהייבן צו לערנען, און ער וועט זיך אויסארבעטן די מדות, וועט ער נאך אויסוואקסען א גרויסער תלמיד חכם, עס איז א שאד מען זאל אים הרג'נען. די תורה הק' זאגט אבער נישט אזוי. די תורה הק' זאגט, ימות זכאי ואל ימות חייב.

**עס איז א געוואלדיגער מוסר השכל וואס ליגט דערין, ווי אזוי מען דארף זיך צוגעוואוינען פון יונגוויז אן, נישט נאכצוגיין נאך תענוגים. טאמער גייט מען נאך, און מען טוט זאכן וואס מען דארף נישט אלץ קינד, זאל מען וויסען אז די תוצאות וואס וועט ארויסקומען דערפון, קען זיין נאכדעם זייער ביטער.** האט די תורה אונז געלערנט די פרשה פון בן סורר ומורה, מיר זאלן זיך אפלערנען דערפון, צו וויסען ווי אזוי מען דארף פון די יוגענט אן דינען דעם אייבערשטען.

*

**אז** מען וויל וואקסען און שטייגען אין תורה, קומט עס נישט אן גרינג. יגעתי ומצאתי תאמין, לא יגעתי ומצאתי אל תאמין (מגילה ו:), **מען זאל נישט מיינען אז אן יגיעה קען מען זוכה זיין צו תורה. יעדע שטיקעלע גמרא וואס מען לערנט, יעדע תוספות וואס מען לערנט, איז פארבינדן מיט א געוואלדיגע יגיעה. און ווי מער מען איז א בעל כשרון, דארף די יגיעה זיין נאך שטערקער, נאך מער זיך מתעמק זיין, נאכמער זיך אריינלייגען אין דעם ענין וואס מען לערנט,** דעמאלטס ומצאתי, דעמאלטס וועט מען זוכה זיין צו תורה.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז די גמרא זאגט ומצאתי, און איך האב געטראפן. ער רופט עס אן א מציאה. א מציאה איז טייטש א זאך וואס א מענטש האט געהאט, און ער האט עס פארלוירן, און ער טרעפט עס, איז עס א מציאה. אבער ווען ער פלאגט זיך אויף תורה, און ער באקומט תורה, פארוואס רופט ער עס אן א מציאה.

**שטייט** אין הייליגע ספרים, אז די גמרא (נדה ל:) זאגט, אז יעדעס קינד פאר ער קומט אראפ אויף די וועלט, איז דא א מלאך וואס לערנט מיט אים כל התורה כולה. און ווען מען קומט אראפ אויף די וועלט, קומט א מלאך און ער טוט אים משכיח זיין די תורה. מיר אלע האבן שוין געקענט כל התורה כולה, נאר מיר האבן עס פארגעסן. אויב מען פארגעסט עס, וואס איז געווען דער תכלית פונעם לערנען. נאר דער אייבערשטער האט אונז געוואלט ווייזען, אז דו קענסט קענען כל התורה כולה. דו האסט אמאל געקענט כל התורה כולה,

און דו קענסט ווייטער קענען. אז דו וועסט זיך פלאגען אויף לערנען, קענסטו קענען כל התורה כולה. און דאס גיט די כוחות פאר א מענטש, ער זאל קענען שטייגען אין תורה, ווייל ער האט אמאל געקענט די גאנצע תורה. **יעדע בלאט גמרא וואס מיר לערנען היינט, און מיר קענען עס, האבן מיר געטראפען א מציאה, מיר האבן עס שוין אמאל געהאט, און מיר האבן עס פארלוירן. מיר האבן שוין אמאל געקענט גאנץ מסכת גיטין, מיר חזר'ן נאר איבער, וואס מען האט אמאל געלערנט, און אמאל געקענט.** יגעתי, טאמער דו פלאגסט זיך, ומצאתי, ווערסטו געפונען א מציאה. דו ווערסט געפונען א זאך וואס דו האסט שוין אמאל געלערנט, און דו ווערסט עס נאכאמאל קענען.

*

**וואס** איז טייטש יגיעה? פת במלח תאכל, ומים במשורה תשתה, ועל הארץ תישן, וחיי צער תחיה, אם אתה עושה כן, אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא (אבות ו-ד). עס איז נישט פארן היינטיגען דור, היינט קען מען שוין נישט אפילו די פירוש המלות דערפון. ווען איז געווען די לעצטע מאל וואס מען האט געגעסן פת במלח? די גאנצע סעודה איז נאר געווען ברויט, צו מים במשורה תשתה. ווען איז געווען איין מאל על הארץ תישן, אז מען איז געשלאפן אויף די ערד. עס שטייט שוין אין הייליגע ספרים, אז עס איז היינט אנדערש די וועלט, מען פארלאנגט נישט היינט וואס מען האט אמאל פארלאנגט. די פשט איז נאר, **אז אפילו עס פעלט דיר צו עסן, טאר עס נישט זיין א תירוץ, אז היינט קען איך נישט לערנען, ווייל די לאנט"ש איז נישט געווען אזוי גוט. און די נאכט בין איך נישט געהעריג געשלאפן, קען איך נישט לערנען. פת במלח תאכל, אפילו דו האסט נאר געהאט פת במלח, דו האסט נאר געהאט מים במשורה, עס איז געווען חיי צער תחיה, פון דעסטוועגן דאך, אם אתה עושה כן, אז דו פלאגסט דיך אויף תורה, אשריך בעולם הזה, וטוב לך לעולם הבא.**

**איך** האב געזען שטיין פונעם **חיד"א** (בספרו **חומת אנך**), אז מען זאגט אין שיר השירים (ג-א), על משכבי בלילות בקשתי את שאהבה נפשי, בקשתיו ולא מצאתיו. אקומה נא ואסובבה בעיר בשוקים וברחובות, אבקשה את שאהבה נפשי, בקשתיו ולא מצאתיו. מצאוני השומרים הסובבים בעיר, את שאהבה נפשי ראיתם, כמעט שעברתי מהם, עד שמצאתי את שאהבה נפשי. דער אייבערשטער דאס איז 'שאהבה נפשי', יעדער יוד האט ליב דעם אייבערשטען, ואהבת את ה' אלקיך (דברים ו-ד), אבער דאס גייט נישט צוזאמען מיט עולם הזה. **א מענטש קען נישט ליגן אין עולם הזה, און ער זאל זוכה זיין צו תורה. אז דו ווילסט זוכה זיין צו תורה, דארפסטו פארגעסן פון די וועלט. דו קומסט אריין אין בית המדרש, פארגעס פון אלעם וואס טוט זיך אינדרויסן. די גאנצע טאג היינט, איז איבערגעגעבן געווארן פאר תורה.**

**על** משכבי בלילות, **ווען איך וויל געהעריג שלאפן בייינאכט, און בקשתי את שאהבה נפשי, און איך גיי זוכען דעם אייבערשטען אויך. זאלסטו וויסען, בקשתיו ולא מצאתיו, דו ווערסט זוכן, און דו ווערסט אים נישט טרעפן.** עס גייט נישט צוזאמען, שלאפן וויל מען און נאכדעם וועל איך לערנען אויך, עס איז בקשתיו ולא מצאתיו. - אקומה נא ואסובבה בעיר בשוקים וברחובות, איך וועל גיין שפאצירן, **איך וועל גיין אינדרויסן אין די גאס, און בקשתי את שאהבה נפשי, איך זוך תורה אויך. בקשתיו ולא מצאתיו, קענסטו אויך זוכן, און דו ווערסט אויך נישט טרעפן.** - מצאוני השומרים הסובבים בעיר, דער גוף ווערט אנגערופן א עיר קטנה (נדרים לב:). עסן, טרינקען, און שלאפן און אלע עניני עולם הזה, דאס זענען די שומרי העיר, די עניני גשמיות וואס היטן אפ דעם גוף. איך האב געטראפן השומרים בעיר, **איך האב מיך געדרייט מיט די וואס היטן אפ דעם גוף, האב איך אויך נישט געטראפן דעם אייבערשטען.** עד שמצאתי את שאהבה נפשי, פארוואס, ווייל כמעט שעברתי מהם, **ווען איך האב זיי איבערגעלאזט, איך האב איבערגעלאזט די משכבי בלילות, איך האב איבערגעלאזט די אקומה נא ואסובבה בעיר בשוקים וברחובות, איך האב איבערגעלאזט די שומרים בעיר. נישט אסאך, נאר כמעט, אביסל האב איך איבערגעלאזט, וויפיל דו האסט איבערגעלאזט די עניני גשמיות, אזויפיל בקשתי את שאהבה נפשי, אזויפיל ווערסטו טרעפן דעם אייבערשטען.**

**דאס** איז אונזער עבודה, אויסצונוצן די צייט וואס מען האט, צו שטייגען אין תורה און יראת שמים. עס איז חודש אלול, עס איז אנהייב זמן, **מען דארף אריינקומען אנהייב זמן מיט א תשוקה, אז איך וויל דאס יאר ענדיגן די מסכתא, און קענען יעדע שורה גמרא, און יעדע שורה תוספות, וואס מען האט געלערנט. אבער מען זאל זיך נישט דערמאנען ווען מען האלט אינמיטן ווינטער, נאר מען דארף יעצט אנהייבן. יעדע בלאט וואס מען האט אדורכגעלערנט, זאל מען נישט אדורכלאזן דעם בלאט, ביז מען חזר'ט עס איבער מערערע מאל, און וויסען אז איך קען די בלאט גמרא ווי עס דארף צו זיין.** אז מען וויל שטייגען אין תורה, דארף א מענטש אלעס פארקוקען, כדי ער זאל קענען שטייגען אין תורה.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, מען זאל קענען פלייסיג לערנען, און שטייגען אין תורה, און אויסוואקסען תלמידי חכמים און יראי ה'. עס קומט א נייע יאר, זאל דער אייבערשטער געבן, מיר זאלן אלע האבן א גוט געבענטשט יאר, א כתיבה וחתימה טובה. עס זאל זיין שבתי בבית ה' כל ימי חיי, לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו. און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום חמישי פרשת כי תצא***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **יואל אברהם סאמעט** הי"ו.

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **מרדכי גליקמאן** ע"ה (מזקני מתפללי בית מדרשנו).

***וזה תוכן השיחה:***

**א' האבלים:** מיין טאטע האט נאך געהאט די זכיה צו דאווענען דעם שבת (בבית מדרשנו).

**רבינו:** ער איז געווען א פארצייטישער יוד.

**א' האבלים:** ווער עס האט קונה געווען פון אים זאכן פונעם פריערדיגען דור, האט ארייגעכאפט, ווייל דא ענדיגט זיך עס.

**רבינו:** ער האט נאך געקענט דעם **מנחת אלעזר**?

**א' האבלים:** ער האט אים געזעהן איין מאל. דער **מנחת אלעזר** איז געווען זיין סנדק.

**רבינו:** וואו איז דער **מנחת אלעזר** געווען זיין סנדק?

**א' האבלים:** דער **מנחת אלעזר** איז געקומען קיין אוהעל.

**רבינו:** ער איז געווען א שיינער בעל מספר, ער האט געקענט גוט אראפלייגען א זאך.

**נכדו הר"ר אברהם יואל יאקאבאוויטש:** מיין זיידע האט נאך מיטגעהאלטן דעם לעצטן 'שבת התוועדות' (שע"י אנ"ש דקהלתנו הק', בראשות **רבינו שליט"א**), און ער האט זייער הנאה געהאט.

**רבינו:** אונז האב מיר הנאה געהאט...

**א' האבלים:** נישט לאנג צוריק האט מיר מיין טאטע פארציילט, אז חול המועד זאגט מען נישט ברוך ה' לעולם. און חול המועד פסח האט ער געדאווענט מעריב אין סאטמאר'ער בית המדרש, און עס איז געווען א שמועס נאכדעם, אז ביים **סאטמארער רב** האט מען יא געזאגט חול המועד ברוך ה' לעולם. און ער האט געזאגט, אז מען זאגט נישט חול המועד ברוך ה' לעולם.

**רבינו:** עס איז ביידע אמת. מען האט נישט געזאגט ברוך ה' לעולם. אבער דער **סאטמאר'ער רב** האט יא געזאגט פאר זיך ברוך ה' לעולם. איך מיין אז אפילו מוצאי שבת האט ער אויך געזאגט ברוך ה' לעולם פאר זיך ביחידות, און ער האט אנגעהויבן שפעטער די שמונה עשרה. ער האט געהאלטן אז מען דארף זאגן, אבער ער האט נישט געוואלט שטערן דעם ציבור וואס זאגט נישט. עס איז ביידע אמת, ער האט געוואוסט אז מען זאגט נישט, און יענער האט געוואוסט אז דער רבי האט יא געזאגט[א].

**א' האבלים:** איך האב געלערנט אין די וויענער חדר ביי רבי שלמה פליישמאן הי"ו. האט ער מיר אמאל געזאגט, אז עס איז אזוי שיין ביי אונז יודען, אז מיר האבן פונקטליכע אנווייזונגען ווי אזוי מיר דארפן זיך פירן. ווען איך האב עס

---

[א] עיין בספר **שלחן הטהור** (סימן ס"ו אות ב') **שהבעל שם טוב הק'** היה נוהג לאומרו גם במוצאי שבת ובחול המועד בלי שום שינוי. ועיין עוד **במשמרת שלום** (סימן כ"ג אות ב). **ובשו"ת דברי יציב** (סימן ק"ג) הביא שחמיו **הגה"ק בעל עצי חיים מסיגוט זצ"ל** היה אומרו במוצאי שבת, הגם שהציבור לא היה אומר ע"ש.

איבערגעזאגט פאר מיין טאטן, האט ער מיר געזאגט, און ווי שיין איז אין מונקאטש, אז אלע מנהגים איז אפגעשריבן.

**רבינו:** דער **דרכי חיים ושלום** איז געווען דאס ערשטע ספר פון אזא מין סארט, וואס האט אראפגעשריבן אלע מנהגים.

**הר"ר אברהם יואל:** אין מונקאטש האט מען אנגעהאט די טלית שבת אינדערפרי ביי קידוש. און עס פלעגט אים ווי טון, אז עס שטייט אין **זמירות דברי יואל**, אז שבת אינדערפרי האט דער רבי נישט אנגעהאט דעם טלית ביי קידוש. און עס שטייט דארט אונטען, אז אמאל איז געווען א נייער הויז בחור, און דער הויז בחור האט געפרעגט דעם רבי'ן, צו ער וויל צוריק אנטון דעם טלית. האט דער רבי געזאגט, אז עס איז א מנהג בעלי בתים וואס איילן זיך צו מאכן קידוש. און עס האט ווי געטון פאר מיין זיידע, פארוואס מען האט עס געדרוקט, עס איז דאך געווען צדיקים וואס האבן יא אנגעטון די טלית צו קידוש. און אז דער רבי האט אזוי געזאגט, דארף מען עס דרוקן?! ער האט נאר געמאכט א ווערטל, אז די בעלי בתים האבן שנעל געוואלט קידוש מאכען, איז מען געבליבען מיטן טלית, אבער פארוואס דארף מען דרוקען אזא זאך.

**רבינו:** אין בעלזא האט מען אויך קידוש געמאכט מיטן טלית (וכן נוהג **רבינו שליט"א**).

ווען מען האט איבערגעדרוקט דעם **זמירות דברי יואל**, האבן זיי פארברייטערט דעם שטיקל, און זיי ברענגען צו, אז עס איז געווען צדיקים וואס האבן זיך יא געפירט צו מאכן קידוש מיטן טלית. און זיי זענען דארט מבאר וואס דער **סאטמארער'רב רב** האט געמיינט צו זאגן. זעהט אויס אז מען האט זיי מעורר געווען, אז מען קען נישט שרייבן 'מנהג בעלי בתים' אויף א זאך וואס צדיקים האבן געטון.

**א' האבלים:** די יודען וואס האבן אראפגעשריבן דעם **דרכי חיים ושלום** זענען געווען תלמידי חכמים.

**רבינו:** מען זאגט נאך פונעם **קאשויא'ער רב זצ"ל**, אז ער האט געזאגט, אז נאכזאגן א מנהג וואס מען האט געזען ביי א צדיק, מוז זיין דערצו דריי תנאים. איינס, אז דער וואס האט עס געזען איז א תלמיד חכם. וואס א בעל הבית האט געזען, מיינט גארנישט. ער האט נישט געוואוסט אויף וואס אויפצופאסן. צווייטענס, אז ער האט געזען אז מען האט זיך אזוי געפירט דריי מאל. אויב מען האט נאר געזען אז ער האט איינמאל אזוי געטון איז נישט א הכרח אז דאס איז געווען זיין מנהג, ווייל אפשר האט ער געהאט א אויסנאם פארוואס ער האט אזוי געטון (עיין ירושלמי נדה ב-ז). דריטענס, נאר וואס מען האט געזען אז מען האט זיך אזוי געפירט אין די יוגענט. וואס מען האט געזען אויף די עלטער איז נישט קיין ראיה אז דאס איז געווען זיין מנהג. אויף די עלטער איז שוין דא נאך פארשידענע סיבות וכדומה, פארוואס ער האט אזוי געטון. דאס איז די דריי כללים וואס מען דארף וויסען, פאר מען וויל מעתיק זיין אז דאס איז געווען דער מנהג.

**הר"ר אברהם יואל:** מיין זיידע האט מיר לעצטענס געזאגט, אז ביים **מנחת אלעזר** איז יעדע ריר געווען מיט א כוונה און מיט א חשבון. און מען האט באמערקט, אז פרייטאג צו נאכטס ביי מנחה האט דער **מנחת אלעזר** זיך נישט געקלאפט ביי סלח לנו. האט מיין זיידע געזאגט, אז אזוי ווי עס איז שוין שבת, האט ער נישט געקלאפט. יעדע ריר איז געווען מיט א חשבון.

**רבינו:** עס איז דא פלעצער וואס ווען מען זאגט נישט קיין תחנון, ווייל עס איז א טאג וואס מען זאגט נישט קיין תחנון, קלאפט מען נישט סלח לנו (**סידור היעב"ץ בשם השל"ה**). איך מיין אז אין חב"ד קלאפט מען נישט ביי מעריב (**שערי הלכה ומנהג** סימן ס"ט). נאר ווען עס איז א זמן וואס מען קען זאגן ווידוי, דעמאלטס קלאפט מען ביי סלח לנו.

**הר"ר אברהם יואל:** ער האט זייער ליב געהאט דעם שול. שבת האט ער זייער ליב געהאט צו זינגען, און ער פלעגט מיר זאגן, אז דער בית מדרש איז א גרויסע שול, און ביי לכה דודי ווען מען זינגט מיט, הערט זיך עס אזוי גוט.

**רבינו:** עס איז ביי אונז אויך א גרויסע פארלוסט, ער איז געווען דער שיינקייט פונעם אויבן-אן. ער האט שיין געדאווענט, בא'טעמ'ט, מיט א ווארעמקייט. ער פלעגט אפט צו דאווענען.

**הר"ר אברהם יואל:** עס פלעגט אים ווי טון פארוואס מענטשען זאגן אפ, וועגן דעם, ווען מען האט אים מכבד געווען, פלעגט ער גלייך צו גיין.

**א' האבלים:** מען דארף זאגו א יישר כח פארן רב און פאר די גאנצע קהלה, ער פלעגט רעדן מיט אזא הנאה און התרגשות פונעם שול.

**רבינו:** מען האט אים שטארק געשעצט.

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת טייטלבוים ע"ה (אלמנת הר"ר **שמעון טייטלבוים** ע"ה).

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך, ושיעורו השבועי באור החיים הק'. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החופה של החתן **שלמה** נ"ו, בן הר"ר **ירמיה טעסלער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **חיים דוד שפאנגעלעט** הי"ו (ב"פ), שהתקיים באולם אור החיים ויזניץ. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין. אחר החופה רקד **רבינו שליט"א** עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הרה"ג רבי **נפתלי הערצקא פריעדמאן** שליט"א דומ"ץ אוסטריק, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה.

אחר הבר מצוה הלך **רבינו שליט"א** לכתיבת האותיות בהספר תורה שנכתבה לע"נ הר"ר **ישראל ישכר ראטה** ע"ה, שהתקיים בבית משפחת מענצער (אלמנת הר"ר **מרדכי אהרן חיים מענצער** ע"ה). **רבינו שליט"א** כתב אות, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***<u>יום שישי פרשת כי תצא</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הרה"ג רבי **נפתלי הירצקא פריעדמאן** שליט"א דומ"ץ אוסטריק. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>שבת קודש פרשת כי תצא</u>***

אחר התפלה הלך **רבינו שליט"א** לבקר אצל הר"ר **ישראל אליעזר וויינער** הי"ו.